STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01227

DOS BUKH FUN DER NAY-ERETS-YISROELDIKER POEZYE

Permanent preservation of this book was made possible
by Judith & Neil Grand
in memory of
Max Salzberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס בוך

פון דער נײַ־ארץ־ישׂראלדיקער פּאעזיע

אנטאלאגיע

צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט:

משה באַסאָק

הוצאת „החלוץ־פיאניר"
(הוצאה ומחסן ספרים)
„HECHALUC-PIONER" Warszawa, Gesia 14/8
P. K. O. 3557. Tel. 12.21-28, 11.88-49

וואַרשע

פאַרלאַג „החלוץ" 1936

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

באַגינען

*

— דער וועג פאַר מיר איז קלאָר... דער בעבער איז פול, דער איינציקער, דער לעצטער, באפרייענדיקער — איך מוז אים אויסטרינקען... און דאָרט — „דאָרט וועלן מיר זינגען אַ ליד גאָר אַ נייעם“...

(„מכאן ומכאן“)

י. ח. ברענער

אינהאלט

פאָרוואָרט	—	מ. ב.	יא

באַגינען

מיטן באַגינען	—	רחל	יז
אָ, זיי געגריסט...	—	ד. שמעונאָוויטש	יח
מיין לאַנד	—	י. פיכמאַן	יט
און קען זיין	—	רחל	כא
רחל	—	"	כב
בוימער־שפּראַך	—	"	כג
גלגול	—	"	כד
ירושלים	—	י. פיכמאַן	כה
מאַדלבוים	—	" "	כו
טריקעניש	—	" "	כז
אין מדבר-ווינט	—	" "	כח
פרילינג אין די בערג	—	מ. טעמקין	ל
די צוואה	—	צ. שאַץ	לא
דגניה	—	ד. שמעונאָוויטש	לב
כנרת	—	רחל	לג
מיין לאַנד	—	"	לד
אין וואַלד אין חדרה (אידיליע)	—	ד. שמעונאָוויטש	לה

געצעלטן אויף כבישים

נישט הער, מיין קינד	—	ד. שמעונאָוויטש	מט
די בשורה	—	רחל	נ
מסדה	—	י. למדן	נא
א. מען האָט מיר פאַרטרויט			

ב. אויפן וועג		
ג. ביי די טויערן מסדה׳ס		
אויך דאָ אין היימלאַנד —	מ. טעמקין	נה
נישט פייערלעך און זאָרגלאָז —	ד. שמעונאָוויטש	נו
אַ נייער שאָסיי —	מ. ז. וואָלפּאָווסקי	נז
יזרעאל —	א. שליאָנסקי	נט
א. דאָ		
ב. נאַכט אין טאָל יזרעאל		
די מלכים פון עמק —	א. צ. גרינבערג	סא
צווישן דיינע בערג, גליל —	מ. ז. וואָלפּאָווסקי	סב
אין שטיינהאַקעריי —	י. קרני	סד
שטיינהאַקעריי —	מ. טעמקין	סה
נישט קיין גאָלדגרעבער —	א. צ. גרינבערג	סו
דער שבט חלוצים —	〃 〃 〃	סח
מי —	א. שליאָנסקי	סט
אַרבעטס-אַרמיי —	א. צ. גרינבערג	עא
אָ, נעמט מיך ווי וועלכן ס׳איז שטיין —	י. קרני	עג
* * * —	מ. טעמקין	עד
אין געצעלט —	א. שליאָנסקי	עה
שבת —	〃 〃	עו
נאַכט-שייטערן —	ל. י.	עז
א. און נעכט זענען דאָ		
ב. פון שייטערן צו שייטערן		
ג. נישט צעריסן די קייט		
ד. התלהבות		
דער יובל פון די פורמאַנעס (אידיליע) —	ד. שמעונאָוויטש	פג

פ אַ ר אַ ב ל ט ע ו ו ע ג ן

פאַראַנען נעכט... —	י. למדן	קא
קריזים —	י. ד. קאַמזאָן	קב
אין שאַכט —	רחל	קג

צום אומבאַקאַנטן — א. שליאָנסקי — קד
אַ בריוו פון דער מאַמען — א. צ. גרינבערג — קה
דער שטורם-פויגל — א. שליאָנסקי — קח
די תפילה — י. למדן — קי
אייקאַליפּט — רחל — קיב

דעם מדבר אַנטקעגן

דעם מדבר אַנטקעגן — א. שליאָנסקי — קטו
כ'בין נישט עלנט — י. קרני — קכב
טרייב די קי — „ „ — קכג
שניטער-ליד — לוי בן אמתי — קכד
ביי דער בייט — „ „ „ — קכה
תל־אביב — מ. טעמקין — קכו
געבעט פון אַ פרוי — י. קרני — קכז
טריקעניש — „ „ — קכה
אַ חמסין אין שומרון — „ „ — קכט
נישט אומזיסט — א. ברוידעס — קלא
זיי שפּילן נישט אויף האַרפעס — ד. שמעונאָוויטש — קלב
דאָס ליד פון משמרת — א. שליאָנסקי — קלג
מען זייט בייַנאַכט — ש. שלום — קלד
אַ בריוו — א. ברוידעס — קלו
ביז אַהער — מ. שליאָנסקי — קלח
וווּנדער, טרינק מיין האַרץ — ש. שלום — קמ
פאַרקערט — אַנדאַ פינקערפעלד — קמא
ווי פּסוקים די טעג — י. בת-מרים — קמב
אין קבוצה — לוי בן־אמתי — קמג
שבת אין קבוצה — „ „ — קמד
אַ דאַנק אייך... — אַנדאַ פינקערפעלד — קמו
איז אַ ווייַנגאָרטן ס'האַרץ מיינס... — י. בת־מרים — קמז
צו די שפּיה'ער מיידלעך — ח. נ. ביאַליק — קמח
פון תמיד בין איך אַ פאַרקערטע... — רחל — קנא

רויק גליק	—	„	קנב
עקרה	—	„	קנג
גיב נאָך מיר דיין טעכטערל א נאָמען	—	„	קנד
נעכטיקע טעג	—	„	קנה
געשאנק	—	„	קנו
וואָרט	—	„	קנז
באַרג־לופט	—	„	קנח

באַלאַגערונג

אויף דער וואך	—	ש. טשערניכאָווסקי	קסא
דער יידישער שאָפער	—	ד. שמעונאָוויטש	קסד
די וואסער־גרעבער	—	מ. ז. וואָלפאָווסקי	קסה
שלום׳ס טעכטער	—	„ „ „	קסז
זיי האָבן דיך געטויט...	—	ש. שלום	קסט
הויב אויף די פאָן	—	„ „	קע
געדענקען לאָמיר	—	י. פיכמאן	קעא

אינהאַלט לויט די אויטאָרן:

ביאַליק ח. נ.:
צו די שפּיה'ער טעכטער — קמח

בן־אמיתי לוי:
שניטער ליד — קכד
ביי דער בייט — קכה
אין קבוצה — קמג
שבת אי קבוצה — קמד

ברוידעס א.:
נישט אומזיסט — קלא
א בריוו — קלו

בת־מרים י.:
חי פּסוקים די טעג — קמב
איז אַ ווייננאַרטן ס'הארץ מיינס... — קמז

גרינבערג א. צ.:
די מלכים פון עמק — סא
נישט קיין גאָלדגרעבער — סו
דער שבט חלוצים — סח
אַרבעטס־אַרמיי — עא
א בריוו פון דער מאַמען — קה

וואָלפּאָווסקי מ. ז.:
אַ נייער שאָסיי — נז
צווישן דיינע בערג, גליל — סב

די וואַסער־גרעבער קסה
שלומס טעכטער — קסז

ט ש ע ר נ י כ אָ ו ס ק י ש.:

אויף דער וואַך — קסד

ט ע מ ק י ן מ ר ד כ י:

פרילינג אין די בערג — ל
אויך דאָ אין היימלאַנד — נה
שטיינהאַקעריי — סה
* * * — עד
תל־אביב — קכו

ל מ ד ן י צ ח ק:

מסדה — נא
נאַכט-שיימערן — עז
פאַראַנען נעכט — קא
די תפלה — קי

פ י כ מ אַ ן י ע ק ב:

מיין לאַנד — יט
ירושלים — כה
מאַנדלבוים — כו
טריקעניש — כז
אין מדבר־ווינט — כח
געדענקען לאָמיר — קעא

א נ ד א פ י נ ק ע ר פ ע ל ד:

אַ דאַנק אייך... — קמא
" — קמו

ק ר נ י י ה ו ד ה

אין שטיינהאַקעריי — סד
אָ, נעמט מיך ווי וועלכן ס'איז שטיין — עג

כ׳בין נישט עלנט — קכב
טרייב די קי — קכג
געבעט פון א פרוי — קכז
מריקעניש — קכח
א חמסין אין שומרון — קכט

ק אַ מ ז אָ ן י. ד.:

קריזיס — קב

ר ח ל

מיטן באַגינען — יז
און קען זיין — כא
רחל — כב
בוימער־שפּראָך — כג
גלגול — כד
כנרת — לג
מיין לאַנד — לד
די בשורה — נ
אין שאַבאַט — קג
אייקאַליפּט — קיב
פון תמיד בין איך א פאַרקערטע... — קנא
רויק גליק — קנב
עקרה — קנג
גיב נאָך מיר דיין טעבעטערל א נאָמען — קנד
נעבעטיקע טעג — קנה
געשאַנק — קנו
וואָרט — קנז
באַרג־לופט — קנח

ש ל י אָ נ ס ק י א.:

יזרעאל — נט
מי — סט

אין געצעלט — עה
שבת — עו
צום אומבאַקאַנטן — קד
דער שטורם־פויגל — קח
דעם מדבר אַנטקעגן — קטו
דאָס ליד פון משמרת — קלג
ביז אַהער — קלה

שמעון נאָרימש דוד:

אָ, זיי געגריסט — יח
דגניה — לב
אין וואַלד אין חדרה (אידיליע) — לה
נישט הער, מיין קינד — מט
נישט פייערלעך און זאָרגלאָז — נו
דער יובל פון די פורמאַנעם (אידיליע) — פג
זיי שפילן נישט אויף האַרפעס — קלב
דער יידישער שאַפער — קסד

שאַק צבי

די צוואה — לא

שלום ש.

מען זייט ביינאַכט — קלד
הונגער, טרינק מיין האַרץ — קמ
זיי האָבן דיך געטויט... — קסט
הויב אויף די פאָן — קע

*

די איבערזעצונגען זענען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער אַנטאָלאָגיע דורך:

משה באַסאָק, א. גרינשפאַן, ש. זאַראַמב, ב. פּאָמעראַנץ און א. צייטלין.

ס'זענען אויך אַריינגענומען געוואָרן שוין פון פריער פאַרעפנטלעכטע איבערזעצונגען פון ק. מ., ז. רובאַשאָוו און י. י. שוואַרץ.

פאַרוואָרט

„דאָס בוך" איז נאָר אַ טייל פון דער געפּלאַנטער און געגרייטער אַנטאָלאָגיע פון דער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור. די, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, צעזייטע באַמיונגען צונויפצופירן יידישע יוגנט און היים מיט ארץ־ישראלדיק ליד און דערציילונג, האָבן זיך געבעטן: קלייב אונז צוזאַמען, ברענג צונויף אויך די איבעריקע אונטער איין דאַך. די אידיי האָט פאַרכאַפּט דעם געדאַנק און צוגעשמידט צו מעשים. ס'האָבן זיך אָבער אַרייַנגעלייגט פאַרשידענע בייזע שוועריקייטן און צעשיידט די לייבלעכע ברודער־און־שוועסטער: דעם ליד פון דער פּראָזע. מסתמא וועט נאָך קומען אַ צייט און אַ געלעגנהייט אַרויסצופירן אויך די פּראָזע פון איר דערווייליקער „גניזה".

„דאָס בוך" איז נישט געווען אויסן צו זיין די אַנטאָלאָגיע פון דער גאַנצער העברעישער פּאָעזיע, וואָס זעט דעם שיין פון דרוק אין א"י. מיט די שיפן וואָס קומען אָן קיין ארץ־ישראל ווערן אַנדערשמאָל אַריבערגעפירט די אַלטע היימען ווי זיי שטייען און גייען: מיט „יענעם" פונדאַמענט און שטרויענעם דאַך; די פּאָעזיע כאַפּט זיך אַראָפּ, מיטברענגענדיק מיט זיך איר גאַנצן רעקוויזיט פון שטימונגען, מאָטיוון, סימבאָלן א. ד. גל. הגם זיי אַליין, די דיכטער, אַנקערן דאָ, שווימט נאָך זייער גייסט אָפט אַרום איבערן אַלטן שטעטל, צי איבער די פאַרשידענע עמיגראַנטישע צענטרען אונטערוועגנס. מיר האָבן געהאַט אין זינען די ארץ־ישראלדיקע פּאָעזיע, וואָס איז ארץ־ישראלדיק: אויסגעוואַקסן אויף יענעם באָדן, שפּילט זיך צי פּייניקט זיך אונטער יענער זון, חברט זיך מיט יענע ווינטן, קריגט פון זיי געשמיסן צי געגלעט, קריכט אין יענע זומפּן און טריקנט זיי, הויבט זיך אויף מיט יענע בערג, עפּענענדיק פאַר זיך אין געקלעטער יענע פּערספּעקטיוון.

מיר האָבן געוואָלט דאָס נייע, שווערע אָבער באַגייסטערטע, ערדישע אָבער דערהויבענע ארץ-ישראל, וואָס שפּאַנט און וואָס קלעטערט „דעם מדבר אַנטקעגן". מיר האָבן געוואָלט דאָס ליד פון לאַנד און אַרבעט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אַלזאָ: מער אַן אַנטאָלאָגיע פון געדאַנקען, פון אַן אידעע, ווי פון שרייבער.

דעריבער איז טאַקע דער מאַטעריאַל נישט צעפּיצלט לויט די איינציקע דיכטער, נאָר צוזאַמענגענומען און קאָנצענטרירט לויט עפּאָכן, געשיכטלעכע שטימונגען און איבערלעבונגען, און אין די עפּאָכן גופא — קומען די לידער לויט זייער קרובהשאַפט אין צייט און אָרט. דאָס בוך איז באַשטראַלט פון אַ געוויסן פּונקט מיטן שיין פון גאַנצקייט, אַ שלמות. מיטן שליאַך פון בוך גייען מיר אַדורך די אינערלעכע וועגן, וואָס פאַרבינדן תקופות און אָנשטרענגונגען. אָנגעהויבן פון פּריאיקער שיין פון „באַגינען", פון דער צווייטער עליה — דורך דער צעכראַסטעטער, צעזונגענער עפּאָכע פון „געצעלטן אויף כבישים", אין שטיינהאַקערייען און אין עמק, ביז די „פאַראַבלטע וועגן" פון צוריקקערנדיקע שיפן און אַראָפּגעלאָזטע הענט ווי אויפגעוויקלטע פענער, ביז די טעג, וואָס קייטלען זיך אין יאָרן בויענדיקע, קעמפנדיקע „דעם מדבר אַנטקעגן" און ביז „באַלאַגערונג".

די אינערלעכע צוזאַמענשטעלונג פון יעדן טייל איז געווען אָפט פאַרבונדן מיט זייער דינע דעצידירונגען. נישט שטענדיק האָט זיך געלאָזט אַזוי גענוי פעסטשטעלן די היסטאָרישע אָנגעהעריקייט פון דער אָדער אַנדער זאַך. פאַראַן לידער, וואָס זייער קרוין גייט אַרויס אין גאַס פון אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, זיי וואָרצלען אָבער און ציען די יניקה פון אַ פריערדיקער. פאַראַן לידער, וואָס פילן זיך אין יעדער עפּאָכע, ווי ביי זיך אין „דער היים". וואָרום הגם יעדע עפּאָכע האָט זיך אירע באַזונדערע ווערטן, וואָס זי האָט אויסגעקעמפט צי דערגרייכט, דעראָבערט אָבער יעדע שפּעטערע עפּאָכע פונדאָסניי אויך די פריערדיקע, אייגנט זיי צו און אָפטמאָל האָט זי דעם געפיל, ווי זיי וואָלטן צום ערשטן מאָל זיך פאַר איר אַנטפּלעקט.

הגם „דאָס בוך" האָט געהאַט פאַר זיך מער די זאָרג בולט צו מאַכן געדאַנקען, שטימונגען, אידעען, האָט עס אָבער לחלוטין

נישט מסיח־דעת געווען פון די באַזונדערע ליטעראַרישע און קינסט־לערישע געשטאַלטן; ס'שיינט, אַז ס'איז געזאָרגט געוואָרן פאַר דער געהעריקער רעפּרעזענטירונג פון יעדן דיכטער באַזונדער, אין די ראַמען פון בוך און זיין כאַראַקטער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט חל אויף ביאַליקן, צי אויף טשערניכאָווסקין, וועמעס ליטעראַ־ריש־קינסטלערישער כוח געפינט זיך גאָר אין אַן אַנדער צייט און אויף אַן אַנדער אָרט. ס'טוט באַנג, וואָס אַ סך באַקאַנטע נעמען פעלן אין בוך; דער באַנג וואָרצלט טיפער אין דעם זייער שווערן פאַקט, וואָס זייער שאַפונג איז מחוץ־לאַרץ־ישראלדיק, מחוץ דעם צאַפּלדיקן היינט פון ארץ־ישראל.

געוויס זענען פאַראַן איינצלנע נעמען און זאַכן, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין אין דער אַנטאָלאָגיע; די נישט־פולקאָמנקייט, וואָס באַגלייט יעדע מענטשלעכע אַרבעט און שאַפונג, איז דערין אַביסל שולדיק. אַ צווייטע אויפלאַגע, אַ פאַרבעסערטע און פאַרפולקאָמטע, וועט געוויס אויסגלייכן די פעלערן.

אין אַלגעמיין גיט „דאָס בוך", ווי די ארץ־ישראלדיקע פּאָעזיע בכלל, גאַרנישט וויניק וועגן לאַנד און אַרבעט, — זייער פיל איז, אָבער, בלויז אין רמזים געגעבן, און נאָכמער אין פאַרשוויגן גע־וואָרן, נישט זוכה געווען צום קינסטלערישן אויסדרוק. עס פעלט, עס פעלט די באַלאַדע, די ווונדערלעכע לעבנס־מיסטיק פונם ליכטיקן לאַנד. ס'צאַפּלט נישט גענוג אין דער פּאָעזיע די טראַגיק פון אונ־זער זיין, וואָס האָט אין דער פּראָזע, ביי יוסף חיים ברענער, גע־פונען אַזאַ מוטיקן און דערהויבנדיקן, שניידנדיקן אָבער שטאַרקנדיקן אויסדרוק. עפּאָכן גאַנצע, העראָיק, ווונדערלעכע געשטאַלטן רעדן דערווייל אין זייער שווייגן. זיי וואַרטן אויף זייער קינסטלערישער התגלות. ריכטיקער: מיר וואַרטן.

מ. ב.

ר ח ל

כּ נ ר ת

דאָרט — די גולן בערג. אַ שטרעק די האַנט, דו וועסט דערלאַנגען..
שטיל און זיכער גיבן זיי אַ זאָג: האַלט!
איינזאַם איז דער זיידע חרמון אין אַ שלאָף פֿאַרגאַנגען,
און אַ קילקייט קייקלט זיך פֿון ווייסער הויך און פֿאַלט.

אויפֿן ברעג פֿון ים דאָרט שטייט אַ טייטלבוים באַשיידן,
די האָר צעפּאַטלט און צעלאַכט
ווי אַ קונדס, וואָס אַראָפּגעשאַרט האָט זיך פֿון באַרג, פֿון זיידן,
און ער פּלעסקעט זיך די פֿיס פֿאַרטראַכט.

ווי עס ווימלט דאָ פֿון בלומען אויפֿן קעראַק ווינטער,
אַנעמאָנע רויטלט זיך און דער זאַפֿראַן געלט.
ס'טרעפֿן טעג — פֿאַרטיפֿט די גרינקייט זיך און ווערט צעגרינטער,
בלויער ווערט דאָס דורכזיכטיקע הימל־בלוי און העלט.

מעגן יאָרן אָנזעצן זיך אויף מיין רוקן,
מעג מיין מאָרגן זיין נאָר אַ רוין —
וועל איך דען, כּנרת, זיך פֿון דיר אָפּקוקן,
יוגנט־גנאָד פֿאַרגעסן, דעם שיין פּנים באַגין? —

יידיש: משה באַסאָק

רחל

מײַן לאַנד

איך האָב דיך, לאַנד מײַנס, נישט באַזונגען
און דײַן נאָמען נישט באַשײַנט.
מיט קײן גבורות און נצחונות
דײַנע שלאַכטן נישט געקרײנט;
בלױז אַ בױם — מײַן האַנט געפלאַנצט האָט
אױפֿן ירדנ׳ס שטילן ברעג,
בלױז אײן פֿעלדער אױסגעטראָטן
האָט מײַן פֿוס אַ שמאָלן שטעג.

ס׳איז אַן אָרימע מתּנה —
יאָ, איך װײס עס, מאַמע לאַנד,
גאָר אַן אָרימע מתּנה
האָט געבראַכט דײַן טאָכטערס האַנט;
בלױז אַ יובֿל־פֿרײד פֿון שׂמחה
װען עס טוט דײַן טאָג אַ שײַן,
בלױז אַ שטיל פֿאַרשטיקט געװײן
אױף דײַן פּײַן.

ייִדיש: ז. רובאַשאָװ

דוד שמעונאָוויטש

אין וואַלד אין הדרה

(א י ד י ל י ע)

א.

גילדענע קרייזן זענען געפאַלן פון צווישן די צווייגן און קוסטעס,
געשפרונגען אויף ד׳ערד, אויף דעם גראָז, אָנגעצונדן אַ פליגל ביי אַ לוסטיקן פויגל,
פאַרבלאַנקט אין די העק, די פאַרהאַקטע אין שטאַמען פון בוימער, —
געגלאַנצט האָט דער שטאָל און פאַרטיפט זיך. און פון יענער זייט ים,
ים הגדול, איז אַ ווינטל געקומען, געבראַכט מיט זיך נייעס און סודות —
דערשרעקן זיך גאָלדענע שטראַלן, אַנטלויפן אין שפּאַרעס און שפּאַלטן,
ווערט טונקל די זעג די געשאַרפטע, וואָס ליגט ביי ר׳ פנחס צופוסנס,
און ס׳שאָרכען, עס רוישן די בלעטער. אויף די פליגלען פון ווינט
זענען שאַרפע, באַרוישנדע ריחות געקומען פון ווייטע פּרדסים,
געקיצלט נפתלין די נאָז, האָט ער אָפּגעשמעקט און אַ זיפצע געטאָן:
„ווי נעמט מען אָט־איצטער אַ פּרדס!
כ׳וואָלט דעם דאָרשט זיך געשטילט מיט אַ טויך פּאָמעראַנצלעך,
און ווער וואָלט צו מיר זיך געגליכן!"
האָט ר׳ פנחס געלאַכט און געווישט זיך דעם שווייס פון דעם שטערן דעם הויכן,
געטונקען זיין ברויט אין דער מילך, פּאַמעלעך געקייט יעדן ביסן,
און פלוצלינג אַרויס מיט דבורים: „פאַרזינדיק זיך נישט מיט די רייד, נפתלי,
גיב נאָר אַ קוק: פאַר וויפל מיר דאַרפן אַלץ דאַנקען דעם בורא העולם.
ווען ער גיט אונז די אַרבעט אין פעלד און נישט אינם שאָטן פון בוימער — דיינו!
ווען ער גיט אונז די אַרבעט אין וואַלד און שיקט נישט קיין ווינט אונז
דערפרישן — דיינו!
אָבער איצט, אַז דער וואַלד פון חדרה שפּרייט אויס אונז די שאָטנס די זיסע,
און אַ ווינטל אַ קלינקער בלאָזט — וואָלט דאָך געווען אַן עבירה

ניש׳ט דאַנקען און לויבן..." נאָר ס׳האָט נאָך ר׳ פּנחס געהאַלטן אין מיטן,
איז אים נפתלי אַריין אין די רייד, נפתלי דער לץ פון דער חברה,
זיין משוּבער איז שוואַרץ און צעוואָרפן, און גוטמוטיק שמייכלען די אויגן,
די אַקסלען — זיכערע, ברייטע, האָט אַזוי זיך געווערטלט נפתלי:
„ווען דער בורא העולם וואָלט אויך אונז באַשאַנקען מיט גלעזלעך מילך —
איז דיינו!
(אַ שטאָך אויף ר׳ פּנחסעס חשבון), און אַפילו מיט וואַסער, כאָטש וואַסער,
וואָלט אויך שוין געווען — דיינו. אָבער אַז קיין מילך איז נישטאָ,
און אַפילו קיין וואַסער, קיין וואַסער אַפילו — קומט דאָך טאַקע ר׳ בערל
דעם קליינעם
געזאַלצענע שמיק, כאָטש אַ פּערציק...
ער איז נאָך וואַסער אַוועק, אַ שעה שוין אַוודאי,
פאַרשוואונדן איז ער און דער אייזל, דאָס פּאָרל דאָס טרייע!"
האָט דער עולם געלאַכט, געזעסן אין קרייז און געגעסן דעם פרישטיק:
ווער געזייערטע איילבירטן גרינע, האַרטע אייער מיט קעז, אָדער מיט זאַלץ פּאָמידאָרן.
מיט חברה געלאַכט אויך ר׳ פּנחס. זיין גרוילעכע באָרד —
פאַנאַנדערגעבלאָזן אין ווינט, געזילבערט, און אַ פריידיקער גלאַנץ אין די אויגן...
און אָט פאַרוואָס דער עולם געלאַכט האָט: עס איז בערל פאַרליבט אין זיין אייזל,
און הימ אים ווי די אויגן אין קאָפּ — ער רוט צוליב אים נישט, נישט איינמאָל
האָט אים חברה גענומען אויף צימבל פאַר זיין ברענענדער ליבע צום אייזל.
דאָ איז אונטערגעשפּרונגען דער דאָנער (פון די ברעגעס פון דאָן
קיין ארץ ישראל געקומען: אַ בחור אַ שטאַרקער, געווען מיט די „קעמפּער" —
דערלייזן געוואָלט דאָס פאָלק פון פאַרשקלאַפּטע קאָזאַקן,
און פּלוצלינג געביטן דאָס רעדל, געקומען אין לאַנד פון די יידן;
אָבער ס׳לעבט נאָך אין אים אַלץ די תאוה צו רעדעס און דרשות, —
דערשמעקט ער דיסקוסיעס, באַפאַלט אים אַ פרייד, אַזוי ווי אַ פערד, וואָס
דערשפּירט דעם ריח פון פּולווער.)

פאַר בערלען האָט ער איינגעשטעלט זיך, געפייערט: „נישט שפּיל זיך, נפתּלי,
מיט בערלען און בערעלעס אייזל, ס׳איז נישט פאַר דיין קאָפּ און דיין שכל:
זיין ליבע — אַן אויסדרוק אַ שטומער, אַ הייליקער, טיפער
פון בענקשאַפטן שטאַרקע, דערשטיקטע זינט דורות און תקופות,
פאַרבאָרגענע בענקשאַפטן צו דער נאַטור וואָס מיר זענען פון איר אָפּגעריסן...
און בערעלע, אָט־אָ דער דאַרער, דער בלייכער — אַ האַרץ האָט,
וואָס ס׳ברענט דאָרט אַ פייער אַ גרויסער,
אַ פייער פון ליבע צו וועלט, צו די וווּנדער אַרום
און ס׳צעכוואַליעט די ליבע זיין האַרץ און גייט איבער די ברעגעס אַזוי ווי
די טייכן אין פרילינג,
און פאַרפלייצט אַלץ אַרום, אפילו אַן אייזל, ווי דו ביסט...״
אַזוי האָט דער דאָנער געדרשנט מיט האַרץ און נפתּלי ט׳געהערט
און פאַר ליב אָנגענומען די שטראָף־רייד, באַשיידן געבויגן דעם קאָפּ,
דערנאָכדעם געענטפערט דעם דאָנער: „אַז ווייל איז דיר, חבר,
די נשמה דערגרונטעוועסט און ס׳איז יעדער סוד פאַר דיר אָפן,
און כ׳זאָג דיר אויף מיינע נאמנות, דו דאָנער, האָסט כשר פאַרדינט
אַ שדוך צו טאָן מיטן יחסן, דעם אייזעל פון בערל דעם קליינעם
און כ׳בין גרייט דיר אפילו צו דינען און דיין אונטערפירער צו זיין...״
האָט זיך חברה פאַרקייכט פון געלעכטער,
און אַ לוסטיקער פויגל ט׳געגעבן אַ סווישטש און אַ הויב זיך
געטאָן אין דער הויך
און ס׳זענען די גילדענע קרייזן געפאַלן אַראָפּ פון צווישן די צווייגן און קוסטעס
און שטיל איז געוואָרן אין וואַלד... נאָר פון יענער זייט זומפּן די וויטע
דערטראָגט זיך אַן אומעטיק ליד „בַּיַּעַר בָּעֶרֶב תָּלִינוּ״...
די ווערטער די דריי דערטראָגן פון יענער זייט זומפּ זיך,
דריי ווערטער און דאָס איז דאָס גאַנצענע ליד, שוין צום הונדערטסטן מאָל
און יעדעס מאָל — אַ וויטיק אַ פרישער אין ליד און אַ האָפענונג אַ נייע,

דער אומעט דער גאַנצער פון וואָגלען און פּלאַטער פון נייער דערוואַרטונג. .
ר׳ פּנחס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיין פּנים פאַרזונקען אין הערן,
נפתלי איז אינגאַנצן געהער... דאָס זינגט אין די זומפּן בן־ארצי...
שטיל איז געבליבן די חברה: אַזאַ מאָדנער דער דאָזיקער מענטש, אַ רעטעניש...
שטייט אויף מיט באַגינען און לאָזט זיך אַוועק צו די זומפּן,
ווו ס׳האַלט זיך אויף דער געלער טויט... טאָג־איין און טאָג־אויס, באַגינען
גייט ער די זומפּן פאַרפּלאַנצן, דעם טויט צו פאַרטרייבן פון דאָרטען,
באַזעצן מיט לעבן... און אויפגעוואַקסט האָבן די העקער,
ס׳האָט זיך יעדער גענומען צו זיינע: צו דער האַק, צו דער שטריק, צו די זעגן,
און פול איז דער וואַלד מיט געזאַנגען, געזאַנגען פון אַרבעט און גבורה.
העק האָבן שטאָליק געגלאַנצט, און ווייס האָבן שפּענער געשפּרונגען,
פריידיק געכראָפּעט די זעגן, — ערשט פּלוצלינג עס טופּען קאָפּיטעס, ס׳שרייט
דאָרט אַן אייזל:
בערל קומט אָן און שפּרינגט אונטער, פאָרויס מעסט די טריטלעך דער אייזל,
און ס׳פּלושקעט דאָס וואַסער אין קרוג...

ב.

הויך זענען די וואָלקנס אַרויף — און בערעלע ליגט און ער לאַכט.
אים דאַכט זיך: זיי הויבן, די וואָלקנס, זיך העכער און העכער,
ווערן אַלץ בלויער און דינער, און אָט ווערט אַ בלאַנק טאָן
פון צווישן דער צעריסענער חופּה פון בלעטער די פּראַכט פונם הימל.
שוין עטלעכע טעג, ווי ער שפּירט זיך נישט גוט און טוט בלויז גרינגע אַרבעט
דהיינו: טראָגט וואַסער, קאָכט קאַשע אין אָוונט
פאַר הונגעריקער חברה... אָבער איצט איז ער פריי,
ליגט מיטן פּנים אַרויף, אין שאָטן פון גראָבע אייקאַליפּטן,
און טראַכט, ווי ר׳איז שבת געגאַנגען אין „זכרון־יעקב" שפּאַצירן.

געבענטשט שוין ראש־חודש פון פרילינג, הערט מען די טריט שוין פון פסח,
די זון ברענט פון סאַמע באַגינען, און די זומפן די סטאַדעס דזשאַמוסן
הויבן עפּטער די גופן פון וואַסער אַרויס,
טרייסלען די קעפּ זיך די שווערע און שמעקען די לופט, וואָס איז לויטער;
און איבער די שטייאיקע זומפּן פאַרציט זיך געדיכטער דער וואָלקן,
און ס׳ווערן די בערג אַרום שומרון פאַרהאָנגען מיט בלויע וואַלן.
שוועבנדיק גייען די מיידלעך אין גאַסן פון „זכרון״.
אין צעפּ ברענען בלומען די רויטע, און עס בליצן מיט פייער די אויגן,
און ווייסער נאָך זענען די בלוזקעס, און דורכזיכטיק לויכטן...
און קענטיק, ס׳איז פרילינג. אפילו די לערער די יונגע,
וואָס אין אָוונט שפּאַצירן פּאַמעלעך מיט שיינהייטן זומערדיק־שוואַרצע,
פאַרגעסן שוין אָפט פון דערציונג די שווערע טעאָריעס,
און טרוימען פון אויסמליגן ווייטע צו סטעפּעס יריחוס...
אויף די בערג פון „בת שלמה״ שוין הילכן געשרייען פון סטאַדעס,
און פאַסטעכער שמועסן — ס׳האָט אין די בערג זיך אַ „דעביא״ באַוויזן,
זי בלאָנדזשעט צווישן די טאָלן, זי לאַכט און זי יאָמערט סכנות...
און קענטיק, ס׳איז פרילינג. טייכלעך וואָס פליסן אין טאָל
זענען נאָך נישט פאַרטריקנט, זיי שטראָמען מיט פריילעכן רעשיקן יובל...
און בערעלע לאַכט אין דערמאָנונג: ער שפּאַנט צו די בערג וואָס ביי שומרון
און ס׳נאָגט אים דער אומעט פאַר׳ן טרויריקן גורל פון פאָלק, וואָס איז נאָענט,
אויסגענאָגט איז זיין זאַפט און ס׳דעמערט דאָס ליכט פון זיין לעבן.
און פלוצלינג — אַ שטראָם קוועלט אַנטקעגן, זיין וועג איז זיגזאַגיק,
זיין געלאָף פאַרביי פעלזן ער שלענגלט, אַ פריידיקער שפּרינגט קעגן שטרויכלונג,
און ווייס איז דער שוים פון זיין כוואַליע, ר׳איז איינגאַנצן געזאַנג פון דעם פרילינג...
ער וואַרפט גיך אַראָפּ זיינע שיך, און באָרוועס אַריבער דאָס וואַסער,
די קילקייט דערפרישט אים דאָס לייב און ס׳געזאַנג פונ׳ם וואַסער — זיין זעלע.
פאַרגעסן דאָס אומגליקלעך פאָלק, געווען צערטלעך געווירט פון דעם פרילינג:

ער שווימט איבער דעם ירדן אין גלגל... דאָ כאַפּט זיך אויף בערעלע פּלוצלינג.
זיין אייזל האָט, קייענדיק ס׳גראָז, אַזוי שטאַרק זיך צעשריען,
אַז עס גרילצט אַזש אין אויער, און ס׳שלאָגט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.
די זון שטייט שוין הויך אינמיטן דעם הימל דעם ווייטן, דעם בלויען.
פון הייזער, וואָס שטייען באַהאַלטן אין שאָטנס פון ביימער,
וויקלט אַ רויך זיך אַ בלויער, אַ דינער, ציט זיך אַרויף גלייך אַ סטרונע,
שוועבט איבער דעם וואַלד און צעגייט און פאַרשווינדט פאַר די אויגן,
ווי ס׳וואָלטן אים שרעקן די קלעפּ פון די העק אין די שטאַמען
און ס׳כאָרכלען פון זעגן פון בלאַנקע... קוקט נפתלי מיט בענקשאַפט
אַהין, ווו דער רויך איז פאַרבאָרגן... לייגט אַנידער זיין האַק אויף אַ ווייַלע
און רעדט צו דעם דאָנער, וואָס זעגט: „זאָג, דאָנער דיין מיינונג:
וואָס איז פאַרבאָרגן אין רויך דאָרט, און וואָס וואַרט אויף אונז היינט אין אָוונט?
זאָל זיין פּאָמידאָרן און פלייש, צי אפשר קאָטלעטן פון גרינוואַרג?
און אפשר, ווער קאָן גאָר פאָרויסזען, קאַרטאָפל געבראָטן אויף בוימל?
און איידער עס ענטפערט דער דאָנער — האַלט נפתלי שוין ווידער זיין האַק,
האַקט די קאָרע פון ווייכן אייקאַליפּטוס... ס׳איז דומפּיק דאָס הילכן פון האַק,
ס׳אַנטבלויזט זיך די ווייסקייט פון שטאַם און אַ זשיווויצע, ריין און געצויגן,
טריפט מיט שטילע און טרויעריקע טרערן... הויבט אָן דער דאָנער צו קלאָגן:
— „מיין האַרץ טוט מיר ווייַ אויף אייך אָרעמע, אָרעמע ביימער!
אייער לעבן איז יונג נאָך און פריש, און אַרויף ווילן וואַקסן די קרוינען.
עס טרוימען אין טיפן די וואָרצלען פון זיג און צעוואַקסונג,
די צווייגן — זיי בענקען נאָך פייגל, נאָך לוסטיקע פייגל,
און די שטאַמען געדענקען די צייט, ווען דער מענטש האָט געשענקט דאָ
זיין לעבן,
כדי איר זאָלט דאָ וואַקסן, און איר פאַר זיין בלוט זייט געוואַקסן...
פאַר זיין בלוט זייט געוואַקסן, נאָר איר האָט נישט פאַרגעסן דעם קרבן,
איר ריינע נשמות, און טאָפּלט באַצאָלט

אי דעם באָדן פֿאַר נערונג, אי דעם מענטשן, דעם בלוטיקן קרבן:
איר האָט געקעמפֿט מיטן טויט, געקעמפֿט און געבליבן די זיגער,
די נעסט פֿונעם טויט אויסגעטריקנט... און איצט קומט דער העקער אויף אייך...
מיין האַרץ טוט מיר ווי אויף אייך, בוימער!" עס רעדט נאָך דער דאָנער,
און אויפֿמערקזאַם הערן די בוימער, שטייען ענג אַרום אים אין געזעמל,
פֿאַרנעמען די ווערטער, וואָס גליען מיט טרויער,
דערמאָנט זיך דער דאָנער די סטעפּעס פֿון דאָן, די צעוואָרפֿענע, ברייטע,
ווען ס'קלייבט זיך אַ מחנה אַ גרויסע – אין הונגער צו ברויט און צו פֿרייהייט –
און ער פֿירט די מחנה... און אויפֿמערקזאַם הערן די בוימער.
כאָר ס'טרעפֿט, אַז אַ בוים שוין אַן אַלטער צעווייגט זיין צעפּאַטלטן קאָפּ,
און העכער פֿון וואַלד איז זיין בליק און ס'טרויערט זיין רויש,
שיקנדיק שטיל דעם אַרום זיין לעצטע געזעגנונגס־ברכה.
עס שטייען די בערג די פּאַרוויסטע פֿון שומרון, דאָרט טראָגט זיך
אַ פֿריילעכער שטורם
אויף רוקנס פֿון דזשאַמוסן ווילדע, פֿאַרשכורט פֿון תּאווה. אום ווינטער,
ווען ס'לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ און שפּאַרט אָן זיך אויף צווייגן פֿון בוימער
טאַנצט דער שטורם אויף רוקנס פֿון דזשאַמוסן און שלאָגט זיי מיט בליצן ווי ריטלעך
און זיי שרייען אַליין ווי דער שטורם, אַז ס'ציטערן אויף אַזש די קרוינען פֿון בוימער
און די הימלען, וואָס רוען אויף זיי, אַנטלויפֿן געשווינד און צערינען –
דאַמאָלס פֿאַלן אויף ד'ערד רעגנס קאַלטע און שווערע...
קוקט דער בוים און באַטראַכט: אויף דער אָפֿענער לאָנקע אין וואַלד, אין דער בלאָטע,
קייקלען זיך ווילדע דזשאַמוסן, וואָס אויף זיי קומט דער שטורם צורייטן
ווינטער פֿון די בערג, וואָס ביי שומרון... דאָרט ווייטער — אַ בליענדער ישוב,
און היזער צעוואָרפֿן אין זוניקן טאָג... און ווייט אין אַ טאָל
באָדט זיך אַ פּאַלמע אַ יונגע אין בלויקייט, און שלאַנק איז איר קרוין,
אַ פּאַלמע אַ צאַרטע, אַ שטאָלצע... נישט איינמאָל ווי ער האָט געבענקט צו דער פּאַלמע
פֿאַרנאַכט־צייט אין פֿרילינג, ווען איר שטאַם פֿלעגט זיך אָנטאָן אין שאָטנס

און פֿאַרוויקלען אין סודות איר חן, איר קרוין איז געווען מאַיעסטעטיש,
אין פּורפּור באַשטראַ̈ט און אין גאָלד. און פּלוצלונג — אַ קראַך,
דער בוים אויף ד׳ערד איז געפֿאַלן, צעדריקט און צעקנאָטן די גראָזן,
זיין קרוין איז צעקנאָדערט, דער גרינער און די אָרעמס — געבליבן אָן כּח.
פֿאַרציטערט דער דאָנער אין טרויער, אָבער תּיכּף קומט אונטער נפֿתּלי;
„שלייף אָן און פֿאַרשאַרף כאָר דיין האַק און האַק אונטער די ריטלעך און צווייגלעך,
דער קיך — אַ מתּנה. דערנאָך וועלן מיר אים צעזעגן, דעם בוים,
פֿון די ברעטער ווערט מעבל, אויף פֿאַרפּוצן אין תּל-אָביב משׂרדים...
האָב נישט קיין מורא, און זאָרג נישט: דו ביסט נישט, וואָס אמת, דער חכם,
דער גרויסער בן תּורה, זאָלסט קענען צום ביישפּיל דערהויבן צו ווערן זיין
גבאי אין „כּולל“.
דערפֿאַר ביסטו קיין עין הרע אַ בחור, אַ גבר, קענסט שניידן די ביימער,
כ׳בין זיכער, ס׳איז נאָנט שוין די צייט, וועסט ווערן אין גליל דער גרעסטער,
באַרימטער האָלץ-העקער“.
אַזוי ט׳זיך געוויצלט נפֿתּלי, און זיין האַנט מיט דער האַק איז גוט-ברודער,
קוים קרומלעך ער רירט מיט דער האַק נעבן שטאַם
און עס פֿאַלן די צווייגלעך און פֿאַלן... עס גלאַנצט זיין טשופּרינע די שוואַרצע
און שפּרינגט אויף זיין שטערן דעם נאַסן... פֿון אונטער צעריסענעם העמד
לויכט דאָס לייב אויף זיין ברוסט, און אָדערלעך בלאָזן זיך, שפּרינגען
אויף זיין אָפּגעברענטן האַלדז, אויף דעם רוקן... איז דעם דאָנער געפֿעלן
נפֿתּלים געשיקטקייט צו האַק און צום האַקן, ער גיט זיך אַ נעם
צו דער אַרבעט —
און בעטראָפֿן קאַפּויער. אין דער ערד האָט די האַק זיך פֿאַרשלאָגן.
האָט ער ווידער געפּרוווט,
און ווידער געליטן אַ דורכפֿאַל, אָבער צום מאָל, צו דעם דריטן,
האָט די האַק אים געפֿאָלגט,
האָט דער דאָנער פֿאַר שׂמחה געשוואָרן, אַז אויף אייביקע אייביקס

ווען זיין האַנט מער קיין זעג שוין נישט האַלטן,
פון תמיד אָן אַרבעט פאַר קינדער און אַלטוואַרג, פאַר שוואַכע,
אָבער בחורים — העק זייער צירונג! דערוויילַ זענען בלעטער פון אויבן
שוין שיטער געוואָרן, און איבער די קעפ פון די העקער
מען זעט שוין דעם הימל דעם ווייטן, דעם לויטערן בלויעם,
און דאָרט אינדערהויך זענען בושלעס געפלויגן

און שוואַרץ־ווייסע קרייזן געצייכנט,
און מען הערט נישט קיין רויש פון די פליגלען... גלייך אַ שטיל־טאַנץ זיי טאַנצן
אין מלכות פון ווייסקייט און דרימל. פון ים איז קיין ווינטל נישטאָ.
און פלאַטערלעך ווערן אַנדרימלט אינמיטן דעם פליען,
און ס'פאַלן די פאַרביקע פעכערס אויף בלעטער און גראָזן.
פון צווישן פאַרשניטענע בוימער, פון צווייגן, כאַפּט אויף זיך אַ ציטעריקער פויגל.
שלאָגט פליגל אויף פליגל, פליט זוכן אַ נעסט זיך
אַ נייעם... און ווידער איז היק און ס'איז שטילקייט,
מען הערט נאָר דאָס הילכן פון האַק, און דאָס כראָפּן פון זעגן,
טראָגט זיך דער הילך אין די ווייטן, דער ווידערקול אַזש אין הדרה,
דערהערט אים אַ מענטש וואָס אַרבעט אין פעלד, פאַרהאַלט ער זיין אייזל
און שמייכלט: „דאָס זענען די העקער אין וואַלד, די מתקני־העולם,
די הוימישע"...
און פירט ווייטער די בראַנע... און ס'פאַלט אויך אין זומפּן דער אָפּהילך,
דאָרט איינער אַליין שטייט בן־ארצי און פלאַנצט און בינדט איבער די בוימער.
שטייט פאַרזונקען בן־ארצי אין הערן צום אָפּהילך פון וואַלד און פון האַקן,
ווי מען הערט דאָס געזאַנג פון אַ וואַסער, דאָס ברומען פון קוואַלן פון ווייטנס..

ג.

...די שפּיצן פון וואַלד זענען רויט, זיי מורמלען אַ תפלה־בלחש.
פאַרנאַכטיקע ווינטן דערוואַכן. נאָך פלאַקערט דער מערב,

זיין פלאַקער איז פרילינגדיק לויטער, און פלאַטערט און הענגט אויף אַ האָר,
אַ ווײַלע — צעגייט און פאַרשווינדט ער אין טונקעלן בלוי פון דער ווייטקייט —
אָפּגעלעבט לייכט און פאַרגאַנגען... אַ בליק טוט ר׳ פנחס צום מערב,
פאַרקוקט זיך אַ ווײַלע... דערנאָך זיך צום מזרח געווענדעט,
ער שפּאַרט זיך אָן בוים און פאַרטראַכט זיך. ער ווייסט:

ווי עס לעשט זיך דער מערב

לעשן זיך שוין זיינע טעג... נישט איינמאָל די האַק האָט אַרויסגעגליטשט זיך
פון זיין שוואַכער, פאַרמאַטערטער האַנט, דאָס האַרץ איז שוין מיד פון חלומות
און גוט איז די רו... נאָר דאָס האַרץ איז נאָך וואַך, איז נאָך דאָרשטיק
צו בענקשאַפטן נאָך נישט געזעטיקטע, ס׳רייסן זיך נאָך צו די הויכן,
צו לאָקנדע, שיינענדע, אָדלערשע פליגלען...
ווו זענען די קליינינקע פייגעלעך זיינע, אויף ווינטן צעיאָגט און פאַרוואָגלט,
און די היימישע פעלזן פאַרלאָזן... און גראָז האָט נישט איינמאָל געגרינט
און געוועלקט און ווידערגעוואַקסן אויפן קליינינקן בערגעלע ערד,
ווו די אייביקע רו האָט געפונען די פרוי פון זיין יוגנט..

זי איז נישט קיין אָדלער געווען

נאָר אַ שטילינקע טויב... און אין רויש פון זיין מעכטיקן שווונג
איז ס׳פלאַטערן פון אירע פליגל פאַרשוויגן געוואָרן אויף אייביק...
אַזוי ווי צום בוים צוגעשמידט איז ר׳ פנחס געשטאַנען און געשוויגן,
געווען אַזוי נעבעכדיק קליין... איז זיין קרבן באַווילקט?
האָט די פעלזן די ווילדע באַפרוכפּערט זיין הייסע פאַרבאָרגענע טרער,
וואָס קיין אויג האָט ביז איצט נישט געזען זי? און איר בלוט,

דאָס בלוט פון דער טויב פון דער שטילער,

צי פאַלט נישט אַצינד אויף זיין קאָפּ? ר׳האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ
ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ שרעקלעכער זעונג און ברייט זיינע אויגן צעעפנט,
אַרומגעקוקט און געטרייסט זיך: און די חברה, ווער האָט זיי געבוירן?
ווער האָט זיי געכאָוועט?

ווער גיסט זיי דעם שטאָל אין דעם בלוט? ווער צינדט זיי די פרייד אין די אויגן?
לערנט דעם זיכערן טראָט זיי? אַ רויטלעכע שיין איז געפאַלן
אויף קלעצער פון ווייסן געהילץ, וואָס זענען אין רייען בעלעגן.
און אויפגעשטעלט האָט זיך די חברה, בעגרייט זיך אין וועג שוין,
דער זוכט אין די צוויייגן זיין מאַנטל, דער שאַרפט גלאַט אַזוי-זיך זיין האַק,
דער מאַכט זיך אַ בינטל פון צווייגלעך — דער קיך אַ מתנה,
און ווער עס איז גאָר אויפגעלייגט — שפרינגט פלוצלינג אַרויף אויפן אייזל,
וואָס פּאַשעט זיך רואיק אין גראָז.
אינמיטן דערינען שטעלט אויף זיך נפתלי אין רוישיקן עולם.
ער הויבט אויף אַ האַנט און ער בעט, ס'זאָל זיין שטיל,
הויבט אָן ער געלאַסן: „אַזוי ווי פון אייביקע צייטן, נאָך העט פון דער צייט פון גבעונים,
איז קיינמאָל דער האָלץ-העקער דאָך נישט געוועזן קיין גרויסער מיוחס,
און אַזוי ווי די טעכטער פון יהודה און גליל זענען איידעלע זייער
און ס'נעמט ביי זיי אויס מער דער לערער און שרייבער,
דערפאַר פראָקלאַמיר איך מיט אייער ערלויבניש דעם צעך פון האָלץ-העקער
פאַר אַ הויכן און וויכטיקן צעך. און דער פירער וועט זיין דאָ ר' פנחס,
און הידד, רבותי!" האָט דער וואַלד אָפּגעהילכט פון געשריי פון דער חברה:
„הידד, זאָל לעבן ר' פנחס! זאָל לעבן דער צעך פון די העקער!
אַ לעבן דעם יינג, וואָס זיין אָרעם איז פלינק צו דער האַק!
זאָלן לעבן די בערג פון גליל, זאָל לעבן די שטאָלצע יהודה,
די טאָלן, דער שרון, יעדעס בערגל און טאָלכל און טייכל!
און ס'יובלט די חברה, דער וואַלד ענטפערט אָפּ מיט אַן עכאָ,
און דער הימל ווערט טונקל פאַמעלעך. רעדט ווידער נפתלי:
„ברידער! לאָמיר מיט ציטער דערמאָנען די העלדן געפאַלענע דאָ אין חדרה!
וואָס פיבער האָט אומגעבראַכט זיי און וואָס זענען געפאַלן פון שווערד
און פון קוילן!"
און נפתלי האָט מער נישט געשמייכלט, זיין שטים האָט געציטערט,

און די ייִנגן די ברוינע זענען פֿלוצלינג אומהיימלעך אַנטשוויגן געוואָרן
אָבער דאָ האָט ר׳ פּנחס אַ שטופּ זיך געטאָן אין געזעמל, געשריגן צום עולם:
„ס׳איז נישט די צייט איצט פֿון אומעט, נישט טרויער באַקרוינט זייער אָנדענק,
מירן אַרבעטן מוטיק און פֿריידיק, מיט שמחה דערמאָנען די העלדן.
און אַזוי ווי ס׳פֿאַרגייט שוין דער טאָג, און מיר זענען דאָ אַלע צוזאַמען,
לאָמיר מאַכן אַ ראָד און מקבל מיט טענץ זיין דעם יום-טוב!“
האָט דער עולם פֿאַרפֿלאָכטן די הענט, די הענט זיך פֿאַרשטעקט אין די גאַרטלען —
און אַוועק אין אַ ראָד. אין שטאַמען פֿון בוימער געשטרויכלט,
פֿאַרטשעפּעט אין צווייגלעך, — און גרינג זענען פֿיס. עס גלאַנצן ר׳ פּנחסעס אויגן,
און די טריט זענען לייכט. עס שוועבן צעריסענע שיך,
קומען ווידער און ווערן פֿאַרשווּנדן. און ס׳פֿליען די פּאָלעס פֿון מאַנטלען,
פֿון די קעפּ פֿליען שטרויענע היט, אָדער האַלטן זיך קוים און מיט נסים,
און דער טאַנץ ווערט אַלץ הייסער און שטאַרקער... און אַ מעכטיקער ברייטער געזאַנג.
און כאָטש נישט צוזאַמענגעזונגען, געשטראָמט האָט פֿון הערצער.
ענטפֿערט פֿון ווייטקייט דער אָפּהילך... אַ ליוב פֿאַרן מוטיקן גליל,
אַ ליוב פֿאַר דער גבורה און אַרבעט און געשריי פֿון דער בליענדער יוגנט
צעגיסט זיך ווי טייכן אין פֿרילינג... און ברעלעס אייזל,
באַלאָדן מיט ליידיקע בלעכן און ברייט שוין אין וועג,
קראַצט זיך אין בוים און שטעלט אָן מויל און אויערן
פֿאַרוואונדערט: וואָס איז געוואָרן מיט ברעלען דעם מעסיקן, שטילן
וואָס ער דרייט זיך גאָר דאָ אינם ראָד, האָט פֿאַרגעסן די אייזלשע קאַריטע?“
ערגעץ ווייט האָט געשריען אַ פֿאַרנאַכטיקער פֿויגל, דער טוי איז געפֿאַלן.
און ס׳האָבן אויף מערב די וואָלקנס די בלייכע געגאָסן דעם לעצטן פֿאַרנאַכטיקן גאָלד.

יידיש: ק. מ.

בעצעלטן אויף כבישים

*

יונגע יידן, חלוצים, ארבעט־מענטשן, דאָס בעסטע פון פאָלק, אויב איר זייט פאראן, אויב איר זייט געזונט אין גוף און גייסט, איר קומט אהער און שאפט א נייע געזעלשאפט דאָ. —

ארבעטער־ישובים — דאָס איז אונזער רעוואָלוציע, די איינע און די איינציקע.

י. ח. ברענער

(כל כתבי, באנד ז')

דוד שמעונאָוויטש

ניט הער, מיין קינד...

ניט הער, מיין קינד, וואָס טאַטע זאָגט,
נישט לייג אויף מאַמעס רייד קיין אַכט.
ווייל טאַטע זאָגט: גיי טריט ביי טריט,
און מאַמע מאַכט: באַזאַכט, באַזאַכט.
און שטורעם זאָגט: אַרויס פון קלעם!
דאָס שטאָלצע ליד דעם זונס פאַרנעם!

דאָס ליד פון קינד פאַרנעם פון ווייט
און טרעט דיין וועג דיר אויס אַליין.
אויף טאַטע־מאַמעס וועג נישט גיי,
עס איז אַ זינד אויף אים צו גיין.
עס איז אַ זינד וואָס מענטש באַגייט
אַקעגן יענעם דור, וואָס גייט.

אין קאַלטער אדר־נאַכט, ווען ס׳שלאָפט
דאָס אַלטע עלטערישע פּאָר,
צי הערסטו, ווי דער שטורעם זינגט
דאָס ליד פון קומענדיקן יאָר?
אין נאַכט קאַלט־אדר׳דיגער הער:
דער פרילינג זינגט — ס׳איז ער, ס׳איז ער!

יידיש: אהרן צייטלין

רחל

די בשורה

פאַרצייטנס איז שומרון באַלאַגערט געווען
פון שרעקלעכן שונא אין שלאַכט;
זענען פיר מצורעים געקומען צו גיין,
די בשורה פון פרייהייט געבראַכט.

ווי ס'באַלאַגערטע שומרון — די גאַנצענע וועלט,
און שווער איז דער הונגער — אַ גרויל.
נאָר איך וויל נישט הערן דאָס פריידיקע וואָרט,
אויב ס'קומט פון מצורעשן מויל.

דער ריינער זאָל קומען! זאָל ער אונדז באַפרייען!
און אויב ס'איז זיין האַנט נאָך נישט דרייסט —
טאָ לאָמיך שוין פאַלן באַלאַגערטערהייט,
ערב דעם ליכטיקן טאָג פון דער טרייסט — — —

יידיש: ש. זאַדאמב.

יצחק למדן

מ ס ד ה

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

א. מ ע ן ה אָ ט מ י ר פּ אַ ר ט ר ו י ט

אין אַ נאַכט אַ האַרבסטיקער, אויף אַ וואַנדער־בעט, ווייט פון היים
פון דער צעבראָכענער,

איז מיין מאַמע מיר געשטאָרבן.
עס גלייווערט נאָך אַ לעצטע טרער אין אירע אויגן שענקנדיק אַ ברכה מיר
בעת איך בין אַוועק אויף פעלדער ווייטע, פרעמדע
מיטן רוק־זאַק דעם סאָלדאַטישן אויף זיך — — —

אויף וועגן פון אוקראַינע, צעשויבערטע פון קברים און פון ווייען אויסגעגנאָגטע,
איז מיין ברודער, מיט די אומעטיקע אויגן און דעם ריינעם האַרץ, געפאַלן
און צו קבר ישראל נישט געבראַכט געוואָרן — — —

דער טאַטע טוליעט זיך צו אַ מזוזה אין דעם אַש פון חורבות
און אויף אַ „שדי" אַ פאַרשווכטן טרערט ער אויס, אַנ׳איינזאַמער, זיין תפלה — — —

און איך,
איך נעם נאָך אַרום מיין זעל, וואָס צעפאַלט זיך,
מיט רייפן, מיט לעצטע, פון מוט —
און אַנטלאָפן אינמיטן דער נאַכט צו אַ וואָגלערשער שיף,
צוגיין אין מ ס ד ה — — —

מ׳האָט מיר פאַרטרויט:
עס פלאַטערט די לעצטע פון בונט דאָרט די פאָן,

זי פאָדערט פון הימל און ערד, פון גאָט און פון מענטשן זי מאָנט:
„באַלוין!"
און אויף פעלזענע לוחות עס קריצן פאַרביסענע נעגל
די בשורה פון טרייסט;
דעם גורל פון דורות, דעם שונא אַנטקעגן,
האָט אַ ברוסט זיך בונטאַריש געשטעלט:
„געניג!
איך אָדער דו ביי דער מאַכט!
דאָ וועט דעם לעצטן וואָרט זאָגן —
די שלאַכט!"

מ'האָט מיר פאַרטרויט:
אויף די קעפ פון די קעמפער איז די שכינה אַראָפּ
און רויט, פול פאַרגעבונג, אינמיט;
און פון הינטער דעם פאָרהאַנג פון צייט, קוקט דאָס אויג פון פרימאָרגן —
עס וואַכט אויף מסדה, עס היט — — —

ב. אויפן וועג

גרויס איז געווען די מהומה אויף גאולה־יאַרידן.
אַוועק איז אַ חבר אין טומל, אין טלית אין רויטן פאַרוויקלט,
דעם מעסער אין פאָלע פאַרשטעקט –
דעם גאָט פון נקמה צו דינען – – –
(ווי מיר, אָ ווי: איך גיב אים מיין ברכה! – – –)

אַ צווייטער פאַר גוט נעמט די שחיטה. פון הינטער דעם פאָרהאַנג דעם רויטן
דעם חלום ער שפּינט פון גאולה
און קוקט אויס די וואונדער פון שטרייט פון דעם לעצטן
(אָ, ווי מיר: איך גיב אים מיין ברכה
און שיק אים מיין קללה! – – –)

פאַזע וועג ליגט דער דריטער. די אויגן געשלאָסן,
מיט אָפענע אויערן וואַרט ער אויף די טריט
פונם גואל דעם לעצטן, דעם איינציקן
(אָ, ווי מיר: איך קאָן אים מיין ברכה נישט געבן,
איך קאָן אָבער אויך אים נישט שילטן! – – –)

און איך –
חצות, אין ווירוואַר פון יאַרידן,
פאַרדרייפט האָב מיין זעל, וואָס צעפאַלט זיך,
מיט רייפן, מיט לעצטע, פון מוט,
זיך געלאָזט אין געלאַף צו אַ וואָגלערשער שיף
און אַוועק קיין מסדה – – –

ג. בײַ די טויערן מסדה׳ס

עפֿן אויף, מסדה, דײַנע טויערן און לאָז אַרײַן מיר, דעם אַנטרונענעם!
איך טו צו דײַנע פֿיס אַװעקלײגן די נשמה מײַנע װאָס צעקרישלט זיך —
נעם, מסדה, זי אויף דער קאָװאַדלע פֿון די פֿעלזן דײַנע,
האַמער זי און שמיד זי
פֿונדראָסנײַ!
װוּהין נאָך זאָל איך טראָגן אָט דאָס בינטל, װאָס צעפֿאַלט זיך,
אַז עס שטײען אָפּ די לעצטע רײפֿן שוין?
װוּהין נאָך זאָל איך שלעפּן אָט מײַן גוף דעם מידן, דעם געשטרויכלטן,
אַז אַלע שאָלעכצן פֿון רו האָבן שוין פֿון אים זיך אָפּגעשײלט?

אָ, אויסגעגאַנגען זענען אַלע װעלטס גענאָדן!
דער ערד־קרײַז איז די פּעטליע פֿאַר מײַן האַלז,
און איר לענג־און־ברײט — די תּלין־דלאָניע,
װאָס דערשטיקט מיט אַלע אירע פֿינגער־װעגן.
אָט שטײ פֿאַר דיר אַזױ איך, דער אַנטרונענער;
אין מײַן שורס, פֿון װײַטיקן געשװאָלענעם,
האָט זײַן קאָפּ פֿאַרװאָרפֿן דער גאָט פֿון ישׂראל
און זײַן בלוט מיט מײַנעם האָט זיך אויסגעמישט — — —

פֿאַל איך צו איצט צו דײַנע טויערן:
עפֿן אויף, מסדה,
און לאָז אַרײַן מיר, דעם אַנטרונענעם — — —

ייִדיש: משה באַסאַק

מרדכי טעמקין

אויך דאָ אין היימלאַנד...

אויך דאָ אין היימלאַנד לעשן זיך די הימלען.
ווי שאַרבנס סטאַרטשען פעלזן אין דער ווייט.
צי טוסטו, מענטש, זיך נישט אַ צאַפּל,
מיט נאַכט זיך אומקערנדיק אַהיים.
אין פאָרשטאָט, אין דער שטילער, צווישן בערג?
און גייט נישט דורך קיין ציטער אין די פינגער,
וואָס פאַרקלאַפּן טיר־און־פענסטער פאַר דער שוין?
איך — נאַכט־איין נאַכט־אויס אַנטלויפט פון מיר די רו:
פונדאַן, ווי אַ פּראָזשעקטאָר פונם שונאס שיף,
שניידט דורך מיין בליק מרחקים
און נישטערט דורך די איינגעגנען דער וועלטס די פינסטערע
וואָס לויערן אויף מיר, אַנטרונענעם צווישן בערג פון היימלאַנד.
די פעלזן־ווענט זענען דאָן ווי פעסטונגען,
די דראָטן אויפן פאַרקן — שוין־פאַרצוימונגען;
און איך בין דער וואָס שטיי פון אייביק אָן
אין שלאַכט מיט אַלץ און אַלעמען,
און איצט — אויף קורצן אורלויב בין אַהיימגעקומען
פון קריגס־פעלד, פונם בלוטיקן — — —

יידיש: משה באַסאַק

ד. שמעונאָוויטש

נישט פייערלעך און זאָרגלאָז

נישט פייערלעך און זאָרגלאָז, נישט מיט צעיובלטע געזאַנגען
זענען מיר אַהער אין לאַנד אַוועק, זענען מיר אַהער דערגאַנגען.

ס'האָבן פויקן נישט געפּייקלט, בלומען נישט באַקרוינט אונז מיט נצחון —
אויגן האָבן מיר געבראַכט מיט גלויבן און אַ האַרץ פול מיט בטחון.

צו באַפרוכפּערן די גאָלע פעלזן, און די וויסטע צו פאַרשטערן —
האָבן רידל מיר אין האַנט גענומען און די שווערד אויך זיך צו ווערן.

איז וואָס, אַז שטורם קומט אין וועג אונז? איז וואָס, אַז ווירבל בייט אַנטקעגן?
שוין נישט איינמאָל איז דאָך אונז דער בלאַנקער חלק אויפן האַלז געלעגן.

צווישן לייבן שוין געזעסן, וועט אונז שרעקן איצט דאָס וואָיען פון שאַקאַלן?
הרי חושך דורכגעשניטן, וועט אַ שרעק פאַר שאָטנס אונז באַפאַלן?

מירן זינגען אין דער מי — מעגן ווילדע קעך און היענעס קלאָגן,
אויפן ירדן, אין גליל און אין שרון, ווען מיר די ברכה טראָגן.

נישט פון בלוט און קריג איז אונזער ליד — דאָס ליד פון שאַפן און פון פריידן.
ס'איז זיכער אונזער ליד און מוטיק, כאָטש רואיק און באַשיידן.

יידיש: ש. זאראמב

מ. ז. וואָלפֿאָווסקי

אַ נ י י ע ר שׂ א ס י י

אַ נייעם שאָסיי האָט מען דאָ אויסגעבויט,
אַ נייעם שאָסיי.
אין אַ וויסט, אין אַ שטורנענדיק, טרויעריק לאַנד —
געפּלאַסטערט אים אַרבעטער גרויע, קיינעם באַקאַנט:
ראובן און שמעון און לוי.

געהלשט פֿון היץ — און געבויט!
עס קלאַפּן די האַמערס,
צעברעקלען די שטיינער אויף שויט,
און ס׳קלאַפּט צו דאָס ליד:
„אַ וועג צו דער ביטערניש, אַ וועג צו דעם וויי,
צום שווערן געמיט
און צום פֿייער וואָס גליט —
אַ נייער שאָסיי.״

און אין איינעם אַ טאָג וועט זיך ציען דער וועג —
באַצווונגען פֿון לאַנג: —
אַ מגילה פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין שיין פֿון דער זון,
און קיין וואָרט נישט דערציילן דעם פֿרעמדן
דערפֿון.

נאָר ווייל איז צו דעם, וואָס געווען אים באַשערט
מיט די זין, די באַשיידענע, שטיין אויף דער היימישער ערד
געשמאַכט און געקעמפֿט און מקבל געווען דעם דין.

ווײל איז צו דעם װאָס געװעזן מיט זײ אין דער נויט,
פֿון אײן כּוס געטרונקען, געטײלט זיך דאָס אָרעמע ברויט
און דערגאַנגען פֿון לײדן דעם זין.

און דו, װײַטער ברודער, אין אַנדערן דור,
מיט באַגײַסטערט געמיט,
שטײ אויף און שפּאַציר זיך אַדורך אויפֿן װעג
װעלן אין הימל די שטערן דיר זינגען דאָס ליד
װי מ׳האָט אַ שאָסײ דאָ געלײגט.

יידיש: ש. זאַראַמב

אברהם שליאָנסקי

י ז ר ע א ל

א. ד אָ.

די הויקערדיקע זקנות האָבן זיך צוגעזעצט געצעלטער,
אַ גרויסע לאַסט האָט זיי באַשווערט.
דער מענטש איז פלייש — איז האָרעוועט ער הייליק דאָ,
ווייל פאַר זיין פלייש האָט ברויט די ערד.

אונטער די פאַכוועס טראָגן מיר די וועלט דאָ —
אַ לאַם אַ לאָמע.
גאָטס לאָקן שוועבן אין דער לופטן דאָ
און גלעטן מיט נחמה.

ווער איז דאָ גרויס און ווער איז קליין דאָ,
אין קעניגטום פון לייב און פון מאָזאָלן?
ערד אָנגעמיסטיקטע איז דאָ — אַ טעסטאַמענט אַ נייער,
און מיר — די אַפּאָסטאָלן.

ב. נאַכט אין טאָל יזרעאל

לאַמטערנעס – די באַלויכטענע געצעלטער ביינאַכט.
עס אָטעמען בערג פון גלבוע שוואַרץ קוויליקע.
ווער האָט דאָרט אַ טראַכטונג אַ בייזע פאַרטראַכט,
גלייך איר שלונד וואָלט געעפנט אַ חיה אַ גרויליקע? –

אויף אַן אײזלטע רייט, אויף אַ שוואַרצער, די נאַכט,
אַ בלעם אַ לאַנגהאָריקער מיט אויגן פאַרגלאָצט.
ווי־נאָר ס׳האָבן די בערג אונטער אים זיך געלייגט –
דערשפירט האָבן זיי
דעם שאָרך פון זייער האַנט גאָטס.

מיט האַנט מיט האָריקער – פול שטערען די זשמעניעס –
זייט גאָט די זייאונג פון זעאונג צעהעלטער.
מורמלען שוואַרצע ליפן: מה טובו אהליך!
ווי גוט זענען, יזרעאל, דיינע געצעלטער!

יידיש: אהרן צייטלין

א. צ. גרינבערג

די מלכים פון עמק

דאָס פאַר אַ ווערט האָט די קרוין פון מלכים און וואָס איז די פּראַכט,
וואָס דיכטער אויף שבעים לשונות באַזינגען
צום מלכות אין פּאַלאַץ?
וואָס איז דאָס בלוט פונם מלך און וואָס איז דער וווּנדער!

בעקומען די צייט איצט — שטיין גלייך אויך אין צעקאָדערטע זאַכן,
אָן שיך
און וויסן: וואָס הייסט דאָס צען פינגער, צעווייטיקטע פינגער,
און וואָס איז דאָס ערד פאַרן מענטשן בתכלית הפשטות!

און זאָל לערנען דער דור דאָ דעם דעראָבערונגס־בונד אינם מדבר,
וואָס ס׳האָב אים געשריבן זייער מאַיעסטעט די העברעער-באָסיאַקעס
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר האָבן בעלערנט דאָס רויט — פונם יידישן בלוט, וואָס האָט זיך בעגאָסן אין גאַסן.
געשטראָמט האָט אויף פעלדער דאָס בלוט און פעט געמאַכט גויישן באָדן.
און ס׳האָבן ערלים געפרייט זיך מיט שניט און געלויבט די גערעטעניש.
און יידן באַהאַלטענע — געכליפּעט מיט בלוט האָבן דעמאָלסט אין אייגענע שויסן — — —

איצט וויסן מיר שוין, ווי פרוכטבאַר וועט זיין דאָס שטיקעלע ערד אונזערס דאָ אינם מדבר
און פאַרוואָס ס׳האָבן קיין פורפורענע קליידער די מלכים פון עמק — — —

יידיש: משה באסאק

M. Z. VOLFOVSKI

מ. ז. וואָלפֿאָווסקי

צווישן דיינע בערג, גליל

צווישן דיינע בערג, גליל, נאָך וואָגלען גייסטער לויטערע,
ווידערקולות פֿונם פֿרישן עבר בלאָנדזשען נאָך אַרום,
און שאָטנס אומעטיקע שלייכן צווישן דיינע פֿעלזן,
פֿעלזן פֿונם ווּיסטן לאַנד, וואָס דרימלען אין דער זון.

ווי אָרעם און פֿאַרטרוימט ביסטו! פֿאַרזונקען אין פֿאַרלאָזנקייט
אָטעמסט מיט פֿאַרגאַנגענהייט, מיט אַלטן סוד;
נישט פֿאַר דיר די כּרמים־פּראַכט, די שפֿע פֿון פּרדסים־גאָלד.
פֿאַרטייעט אין דיין שטאַרקייט און קאַרג אין דיין גנאָד.

כּנרת און דער ירדן און אַ המון פֿון פֿלינקע קוואַלן
ציען טאָג און נאַכט דיר טרויריקן געזאַנג;
און דיין אַלטער קעניג חרמון, דער זקן פֿון די בערג,
שפּינט דעם חלום דאָ דעם אייביקן, שפּינט באַנג.

שטאָלץ און אָרעם זענען דיינע קינדער פּונקט ווי דו,
זיי גלוסטן אַרומנעמען דיין ערד, באַפֿרוכפּערן דאָס לאַנד:
זייער הייסע ליבשאַפֿט און די בענקעניש די שטאַרקע
באַהאַלטן האָבן זיי אין דיין ערד דער טרוקענער, אין זאַמד.

זענען פֿריילעך אין דער רו, שטורעמדיק און מוטיק,
רייך אין זייער אָרעמקייט, און אין דער מי דער שווערער — שטיל;
קליידער־פּראַכט פֿאַראַכטן זיי און דעם צוביבער פֿון דער שטאָט,
בעטריי דעם גורל פֿין באַשיידענעם און פּשוטן גליל.

און קומט אַ שוואַרצער טאָג און ס׳ברעכט דער שונא איין
צו דיר, בליל, צום טיש פון זייער הייליק ברויט —
דאַן וועלן זיי דיר שיצן, דיינע זין די בראַווע,
גאַנץ און ערלעך אינם לעבן, איידל אין דעם טויט.

יידיש: ש. זאַראַמב

יהודה קרני

אין שטיינהאַקעריי

בערג, בערג, איך פֿלעג צו אייך בענקען ביז אַהער
אונ קניען אַ באַגייסטערט שטילער,
ווי ס'פֿלעגט מיין טאַטע זאָגן: נישטאָ נאָך אַזאַ ערד
פאַר תחנונים און פאַר תפֿילה, —
און איר זענט פעלזיק און איר זענט וויסט און לער
און איר זענט — בערג פון סקילה.

דערפאַר
האָב איך פאַר אייך איצט נייע כּלים צוגעגרייט.
און אויב איר בלייבט נאָך אַלץ פאַרעקשנט שטאַר
און ס'נעמט אייך נישט קיין מוסר־רייד
וועט מען אייך צו שלעפן צו צוואַנג און צו לעוואַר
און מיטן פרעסערישן לאָם צעררייסן די האַרטנעקיקייט.

און אייך אַ דלאָט וועל איך ביינאַנד
באַפעלן, מיט דינאַמיט,
און אייך אַ מענטש וועט צולייגן אַ האַנט
און מיט געוואַלט און פייערדיק געמיט
ווייך מאַכן די פעלזן פון מיין לאַנד
פאַר וווקס און בליט.

און אַז עס וועט אַ קינד אַריינלייגן אַמאָל
פולוער קערנער צווויי אין פעלזן שטילערהייט,
דאַן וועלן זיי, צעשמעטערט, זיך אַראָפקייקלען אין טאָל;
און ס'וועט אַ מיידל צו איר בחור טאָן אַ זאָג זיך ברייט:
— רייס נאָר אויס דעם פעלז, דו בראַווער, זיי נישט פויל! —
און ער וועט אויסרייסן און אַרויפוואַרפן אויף זיך מיט פרייד.

יידיש: ש. זאראמב

ר ח ל

מ י ט ן ב אַ ג י נ ע ן

אַ לאָגל אין האַנט. אויפֿן אַקסל
א רידל, אַ גראַבליע, אַ קויש —
אויף פֿעלדער, אויף ווייטע, צו אַרבעט אַרויס.

פֿון רעכטס שטייען בערג ווי אַ וואַך.
און אָפֿענע פֿעלדער פֿאַר מיר
און פֿרילינגען צוואַנציק אין מיר זינגען שיר.

עס איז ביז צום טויט מיר באַשערט:
דיין הבואה, וואָס שיינט אין דער זון,
און שטויב פֿון די וועגן, מיין לאַנד, אויף דיין ערד.

יידיש: מ ש ה ב אַ ס אַ ק

דוד שמעונאָוויטש

אָ, זײַ געגריסט...

אַ זיי געגריסט מיר, לאַנד פון טרוים!
אָ זיי געגריסט מיר, וויסטע פּראַכט!
איך בלאָנדזשע שווייגנדיק אַרום
אויף דיינע חורבות טאָג און נאַכט.

איך שפּרייז מיר פּאַזע-ים אַזוי,
איך קלעטער אויפן כּרמל שטיל,
ווי ווייַן טרינק איך דעם חרמון-טוי
און שלייך אין פעלזיקן גליל.

עס שוידערט מיך דיין קעלט ביינאַכט,
מיר צערט בייטאָג דיין פייער-בראַנד —
כאָר זיי געבענטשט, קעלט פון מיין נאַכט,
און דו אויך, פלאַקער פון מיין לאַנד.

און ווען מיין טאָג זיך נייגט צום ראַנד —
פאַרגיי איך מיט געבעט:
זאָל אָנטרינקען זיך מיט מיין זאַפט
מיין טרערן-היים, מיין טרוימען-לאַנד,
זיך אָנטרינקען צו זעט.

יידיש: ש. זאַראַמב

י. פיכמאַן

מיין לאַנד

דאָס ביסטו, לאַנד מיינס, ים און זון און שטילקייט,
פאַרגעסן באַרגיק לאַנד אין גלי פון טאָג.
ווי כוואַליעס ווינט דער נעפּל זיך אויף פעלזן,
און איינגעהאַלט'נע פרייד אין הייל'ן שלאָגט.

דאָס ביסטו. כ'ליב דאָס ווייס פון דיינע זאַמדן –
ווי זילבער אויפן ים־שפּיגל עס רינט;
די בלימעלעך, וואָס פאַזע וועגן ציטערן,
ווי האַרץ־באַגערן, אין פרימאָרגן־ווינט.

אין מאָרגנבלוי האָסטו, מיין לאַנד, צום ערשטן
אין הויל'ער שיינקייט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר,
אַ צאַרטע, מידע און אַ דורשטיקע נאָך רעטונג,
און ס'האָט ווי גלי דיין טרויער מיך גערירט.

כ'האָב דיך געגלויבט און אויף דיין ערד געבענטשט,
דיין ליד פאַרנומען, און אויף יעדן פליין
בעלייגט האָב איך מיין מידן קאָפּ דאָ זיכער
און רו געזוכט שטיל פון פעלז און שטיין.

ס'ווייס קיינער נישט, וואָס איינגערוימט אין אונז
ס'האָט יעדער קוסט מיר, יעדער דאָרן שטאַר,
ווען כ'פּלעג אין אַלטן פעלזן־גראָז זיך שלייכן,
פון ווייסטענ'ש פאַרכשופט און פון צער.

ס׳ווייס קיינער נישט, ווי זיס עס איז דיין נאַכט־ווינט,
ווען ס׳גאַרט די זעל נאָך עפּעס אַזוי שטאַרק,
ווי דאָס געזאַנג פֿון דיינע זילבער־קוואַלן
באַרוּיקט וואַנדערער אין שטעג פֿון באַרג.

דוּ ביסט אַ מאַמע, אַ ברעג פֿאַר אַלע וואָגלער,
אַ גבול פֿון מדבר. אַ שוּץ ביסטוּ און דאַך.
צוּ דיינע ברעג די שווייַגנדיקע ציט זיך
דאָס עלנט האַרץ פֿון יעדן פֿאָלק און שפּראַך.

יידיש: ש. זאַראַמב

ר ה ל

אוּן קען זיין...

קען זיין, ס׳איז גאָר קיינמאָל דאָס אַלץ נישט געווען,
קען זיין
איך בין קיינמאָל אין גאָרטן צוּ אַרבעט מיט שווייס
נישט אַרויס מיט פריאיקן שיין?

אוּן קיינמאָל, אין לאַנגע, אין ברענענדע טעג
פוּנם שניט
אינדערהויך אויף אַ וואָגן געלאָדן מיט סנאָפּעס
האָב איך נישט געזוּנגען קיין ליד?

נישט קיינמאָל געלויטערט אין רויקער בלויקייט
פאַרנאַכט
אין כנרת, אין מיין... אָ, כנרת דוּ מיין,
ביסט געווען, צי מיר האָט זיך געדאַכט? —

יידיש: ב. פּאָמעראַנץ

ר ח ל

ר ה ל

עס פליסט דאָך איר בלוט אין מיין בלוט,
עס זינגט דאָך אין מיר נאָך איר קול.
רחל, וואָס פּאַשעט די שאָף,
די מאַמע רחל פון אַמאָל.

דערפאַר איז מיר ענג אין דער שטוב
און ס'איז מיר די שטאָט אַזוי פרעמד —
ווייל ס'האָט אינם מדברשן ווינט
געפלאַטערט פאַרצייטנס איר העמד.

דערפאַר טרעט איך דאָ אויף מיין וועג
מיט אַזאַ זיכערן שפאַן,
ווייל ס'האָבן פאַרהיט מיינע טריט
זכרונות, פון דאַן נאָך, פון דאַן!

יידיש: ש. זאַראַמב

רחל

בוימער־שפּראָץ

איך בויג אַראָפּ זיך איבער בייט אַ קוק צו טאָן,
איך גאָרטן, איבער בייט;
אַ מחנה קליינע ברידערלעך, די בוימער־שפּראָצן,
אַ רויק האַרץ, אַ פּלייצע וואָס אויף אַלץ איז גרייט.

קלעטערט, שטייגט אין האַרטקייט ליכטיקער:
דאָס שלאַכט־פעלד רוקט זיך און צעקריכט.
אָט־אָט גיט אונטער זיך, טרעט אָפּ צוריק
פון ערד די דינע שיכט.

אָ, איר וואָס הייליקט ליכטיקייט אין אומעטיקן פינסטער,
אייער שטילע העלדישקייט וואָס העלט
איז פאַרן מידן, פאַרן כופר, פאַרן גאָרנישט האָבנדיקן
אַ צייכן, און אַ טרייסט, און אַ באַפעל.

יידיש: משה באַסאַק

ר ח ל

ג ל ג ו ל

צי בין איך אין אור-ווייטן גלגול געווען
חיה פון חיות אין פעלד — און דערפאַר
בינדט מיך אַ שוועסטערישקייט צום בעל-חי
און כ'האָב אַזאַ אַנגסט פאַר דעם מענטשן דעם האַר — ?

צי גאָר האָט ברויפעדערדיק-שוצלאָז אַמאָל
אַ פויגלס נשמה בעצאַפּלט אין מיר?
דאָס אומעט-געזאַנג, צו דער פרייַ דער באַגער —
זיי שטאַמען, נישט אַנדערש, פון איר!

און אפשר אין אור-גלגול בין איך געווען
אַ גראָז שטענגל גרין,
אַ גראָז שטענגל בלויז?
קלעב איך דערפאַר אָן דער ערד און געפין
רו נאָר ביי איר, אין דער ברוין פון איר שויס.

יידיש: אהרן צייטלין

יעקב פיכמאַן

ירושלים

ירושלים! קלאַנג פון האַרץ, וואָס גייט אויס פון באַגער!
באַהעלטעניש פאַר דעם אַנטרונענעם פון שטורם=טאָל.
דו ביסט הכנעה, דו ביסט שווייגן, דו ביסט אויך רעוואָלט,
צערייסט מיין האַרץ פון ווי און ס'רופט צו דיר מיין שטילע טרער.

אַחוץ דיין וויסטעניש אַרום האָב איך דאָ גאָרנישט מער,
און איך האָב מיך מיט ליכט פאַר'קנסט, מיט פעלד און תבואה=גאָלד,
און צוגעשמידט צום צויבער דיינעם ווי אַ בוים, וואָס האָט געוואָלט
זיך איינוואָרצלען אין פעלז — בין איך פאַרפלאָכטן אין דיין ערד.

כ'האָב ליב דעם ווידערקול פון לעבן, פאַרגליווערט אין דיר שטום
ווי לאַווע ביז אַצינד, און דעם אַמאָליקן געשריי
פון פרייד, וואָס פלאַטערט צווישן דיינע ווייסע פעלזן אום.

איך בין געקומען מיט דיין הייליקייט פאַרפירן שטרייט,
דיין שטיין צעמאָלן אויף שוואַרץ ערד — און אַ געפאַנגענער איך גיי
און פראַכט, די גוססע, דאָ רוט אויף זינגענדיקער ברייט.

יידיש: ש. זאַדאמב

יעקב פיכמאַן

מאַנדלבוים

אין שטראַלן פֿון דער שבט־זון האָב איך ליב דעם מאַנדלבוים.
ער שטייט אין בליטן־העלקייט צאַרטער און פֿאַרקלערטער,
ווען ס׳ציטערט נאָך פֿון קעלט די שקמה די שוואַרץ־צווייגיקע
און נאַקעטע זענען גערטנער.

ס׳איז אַש־קאָלירדיק נאָך דער באַרג — און גראָז דין־שטענגלדיקס
הויבט ערשט פֿון פֿעלזן־שפּאַלטן אָן צו קריכן,
און דו — די לייכסט שוין, מדבר־פֿרייד ווייס בליטיקע,
אויף ווייטע פֿעלדער פֿון ירחו.

האָסט שניי־ווייסקייט און צפֿון־בלאַנק פֿון ווינטער־נעכט,
נאָר אויך דין־פּורפּורדיקס און גאָלדיק־צאַרטע ראַנדן,
און ווי אַ טראַכטונג, לייכט מיט נעפּל־בלוי אַרומגעוועבט,
ווינקסטו מיר אַקעגן פֿון די זאַמדן.

ייִדיש: אהרן צייטלין

יעקב פיכמאַן

טריקעניש

איך מיטן טרוקענע געל=שײַנענדיקע זומער=טעג
אָפּט בלאָנדזשע איך אויף גאַסן און אויף פּלעצער שטיל אַרום,
ווי וויסט עס איז די שטאָט! די גערטנער ליגן אַזוי שטום
און קלאָרע בלויע הויכענישן טעמען מיט שרעק.

שוין זיבן מאָל איז יעדער שטיין פאַרברענט און דורכגעגליט,
און ווי אַ לעבן — האָט פאַרטריקנט אים דער מדבר=ווינט.
און איך — צו די פאַרלאָזטע פעלדער גאָטס אַנטלאָפן בין
און איך דער טריקעניש, דער שווערער, שאַל איך הויך מײַן ליד.

גאַס=אײַן גאַס=אויס גיי איך אַליין אַרום אין פּוסטער שטאָט.
און זוך, צי איז נאָך דאָ אַן אָרט פאַר זריען און פאַר שניט? —
נאָר שטאָט איז שטום אַזוי, פאַרגעסן פון איר גאָט.

דאַן פיל אויך איך, אוי, ווי פאַרלאָזט מײַן שטאָט ביזט!
ווי עלנט ביסטו, האַרץ! נאָר ס׳איז מײַן אויג נאָך צוגעשמידט
צו די פאַרברענטע בערג און זוכט קיין שאָטן=רו!

יידיש: ש. זאַראַמב

יעקב פיכמאַן

אין מדבר-ווינט

די זון — אַן אויג-קוילעך אַ טויטער.
אין פענסטער גלאָצט אַ געלער טאָג.
דער שאָטן איז פון בוים פאַרשניטן,
מיך טראָגט די וועלט איר שווער געטראָג.

און מיך די ברושים גלייך-געצויגן,
גלייך שוואַרצע ליכט, געהיימע וואַך.
דער שלייער איז אַראָפּ — און וועלק איז
געצעלט און הויז און פאַרב פון דאַך.

אַ מדבר-ווירבל ציט אַן פלאַמיק,
בים הייס אויף קראַנקער וועלט אַ קום,
און שטויב-שווער כאַפּט זיך אויף אַ גאָרטן,
און קורץ לאָזט הערן ים זיין ברום.

אָ, אוראַלט-ברום פון ים דעם וויסטן!
ווי ריכט זיין צאָרן איבער זאַמד!
נאָר ווידער שטיל: מיט רויטע אַשן
פאַרשטאָפּט אים ס׳מויל דעם מדברס האַנט.

דעם קאָפּ באַהאַלט און שאַרט פאַרחלומט
אויף צווייג בעפּלעפּטער — אַ פויגל קליין,
און יאַשטשערקעס — פון היץ פאַרכישופט,
טוט צוגעזאַמען צום געשטיין.

אַזוי טראָגט וועלט איר זעונגס ווייטיק
אין זיך ווי סוד, ווי זיסע זינד.
בלויז מענטש נויגט אומרויק דאָס אויער
צו צוקונפט־קלאַנג, צו ווייטן ווינט.

טראָג, מענטש, די שמאַך פון די מינוטן
גלייך ווי דער פויגל אין זיין באַהאַלט,
און ביז ס׳פאַרענדיקט טאָג זיין ברענונג
פאַרזיגל זעונג, באַהאַלט געשטאַלט.

יידיש: אהרן צייטלין

מרדכי טעמקין

פרילינג אין די בערג

די גרינע פענער וואָלטן דאָ געפּלאַטערט — פאָן נאָך פאָן
אַן אומרו איז די שקמות אויפן וועג באַפאַלן, און בערעגטע
שטרעקן זיי אַ דלאָניע צו אַ האַנט אַן אויסגעשטרעקטע.
ווער איז געקומען אינם לאַנד, דעם עלנדן פון אייביק אָן?

ס׳פאַרציען זיך די ווונדן פון די בערג נאָך גיכער ווי געשווינדטער.
ווי קינדער פיסטשען און פאַרגייען אין געוויין די ברויסע ווינטן
אין בערג-וויגן אין ווייטע — טאָל און טאָל.

ווער וויגט עס איצט די בערג־וויגן פון לאַנג פאַרלאָזענע?
אָ, פאַן, דו גאָט פון וואַלד און בוים און גראָזן —
צי לויפן דיינע טריט די באָרוועסע ארום דאָ נאָך אַמאָל? —

יידיש: משה באַסאַק

צבי שאַץ

די צוואה

פיר איידלשטיינער לאָז פאַר דיר איך איבער,
א גאַנצן לעבן קלייב איך זיי פון מיין באַגין:
אַ טור-ברילִיאַנט און אַ שמאַראַגד פון שווייס,
אַ פּערעלע פון טרערן און אַ בלוט-רובין.

עס האָבן איינדערפרי די טויעלעך פאַר מיר פאַרטרויט זיך
װעגן יוגנט, װעגן װעלט װאָס העלט,
ביז איינמאָל אין אַ זומערדיקן טאָג, אַ ברענעדיקן,
האָב איך דערזען: ס׳גייט אָפּ מיט שווייס דער אַרבעטער אין פעלד — — —

דערפילט האָב איך דעם יאָד, באַקענט זיך מיטן אומרעכט,
אין בין-השמשות, אין דער בענקשאַפטס-שעה,
האָב איך דערזען אַ טרער אין אויגן שמאַכטנדע —
און טרער איז שוין דער טרויער דאָ — — —

עס קומט דערנאָך די נאַכט שוין מיט אַ כאָפּטע שאָטנס,
עס ציט דער מוט די שווערד שוין פון דער שייד
און אויף איר שאַרף האָט אַ טראָפּן בלוט געטאָן אַ צאַפּל,
מיר שטיל פאַרטרויט: געווּג, זיי גרייט —

טאָ נעם צום אָנדענק ס׳שנירל שטיינער אַ געשאַנק —
איך האָב פאַר דיר געקליבן זיי אַ לעבן לאַנג — — —

יידיש: משה באַסאַק

ד. שמעונאָוויטש

ד ג נ י ה

צווישן זאַנגען גאָלדענע
בלויען זיך באַשיידן בלומען
באַהאַלטענע אין קאָרן.
הייסן הייסן זיי: קאָרנבלימלעך
אָדער דגניות.
בלויע אויגן
קוקן שטיל צום הימל
פון באַהעלטעניש אַרויס.
זענען דאָס די אויגן פונם פעלד די בלויע
און אפשר גאָר דעם פעלדס חלומות? —
נישט אויף ברויט אַליין לעבט דאָך ס׳פעלד — — —

נאָר דו, דגניה
וואָס ביים כנרת,
ביסט מיר מויזנט מאָל מער טייערער און ליבער.
דו האָסט דעם בינגאָלד פונם זאַנג,
און דעם קלאָרן בלוי פון בלום האָסטו,
ברויט און טרוים באַהעפטן זיך צוזאַמען.
ווי זיס דאָס ברויט, וואָס טרוים האָט אים פאַרזייט,
ווי דערהויבן איז דער טרוים, וואָס לאָזט שפּראָצן ברויט.
עס זאָל דער בלום פון וועלק נישט וויסן, נישט דאַרן זאָל דער זאַנג;
זאָל מערן זיך דער קאָרן און בליען זאָל דער טרוים!
און וואָרצל און קרוין, און אויפשטאַנד און מי
בינדן זאָלן זיך ביי דיר
דגניה האַרציקע ביים כנרת־ברעג...

יידיש: משה באַסאַק

מ. טעמקין

שטיינהעקער

דער גרויע געשווירן —
געשוואָלן די פעלזן
אויף ערדישן גוף,
צעגרינט אינם פרילינג.
פאַרטאָג, אויף די באַרגיקע ווייטן,
ווי אָדלער, ווי גרויסע,
מיט אייזערנע שנאָבלען, מיט לאַנגע,
זיך באַוווייזן שטיינהעקער.
עס לאָזט יעדער אָדלער אויף זיין פעלז זיך אַראָפּ.
וואָס פּיקט איר, שטיינהאַקער,
דעם ערדישן פּגר?
וואָס פאַרשטעלט איר די אויגן,
באַטראַכטן דעם מדבר אַרום?
איר קלערט אפשר איבער.
צי ס׳אָטעמט דאָס דאָזיקע לאַנד נאָך?
צי גאָר דעם פאַרבאָרגענעם אוצר
אַמאָליקן
נישטערט איר איצטער ביים צוריקקער אַהיים?
וואָס פּיקט איר, שטיינהאַקער,
דעם ערדישן פּגר?

יידיש: משה באַסאַק

א. צ. גרינבערג

נישט קיין גאָלד־גרעבער

נישט קיין גאָלד־גרעבער זענען מיר דאָ אינם מדבר, מיר האַקן די פעלזענע וואַנט.
דאָס האַרץ איז צעצונדן אַ בראַנד!
און אָט אָ דער ווייַ און אָט אָ דער אימפּעט אַרום: דורכצוורייסן דעם
פאַנצער פון פאַרפעלזיקטער ערד
און געפינען צום סוף די ברוסט פון דער ערד, פון דער גוטער
וואָס פון איר שפּראָצט דאָס ברויט פאַרן דור
וואָס גייט און וואָס קומט —
ער גייט און ער קומט!
מיר זענען פון רוסלאַנד און תימן; פון דייטשישן לאַנד קומען מיר און פון פוילן,
פון קאַווקאַזישער פּראַכט און באַלקאַנישע גרוילן — — —
נישט קיין גאָלד־גרעבער, נאָר שטיינהאַקער.

ווי אַלכימיקער, יאָ, האָבן מיר דאָ אַ קופּע אַ טויטע איבערגעוואַליעט
אין תל־חי לכבוד גליל,
היי, דער גליל!
אין בראַנד אין בייטאָגיקן קיניגט די האַנט דאָ, וואָס שפּאַלט:
פון טויט זאָל דערוואַכן דער מדבר!
ביינאַכט ווידער קיניגט די פוס: הָאָח! פאַרמאַטערט די האַנט... נאָר ס׳טופּעט די פוס:
מאַמע ערד!
זאָל באַרג זיך צעפאַלן, זאָל מידת הדין אים צענעמען! —
מיר קומען פון רוסלאַנד און פוילן, פון בבל און פרס און ווייטן סיביר,
פון דייטשישן לאַנד און באַלקאַן קומען מיר — — —

צווישן אונז און די בלוּתן — אַ ים ליגט אַ גרויסער; און האָפנונג דער יוגנטס
שלאָגט אָפּ זיך אין פעלזענער וואַנט,

ווערט פאַרברענט אויפן זאַמד.

און געבליבן פון אַלץ וואָס געווען איז נאָר איינס: דער אָנדענק דער רויטער, אין האַרצן דער בראַנד:

אַז אַ פאָלק איז פאַראַן, און אַ טאַטע און מאַמע איז דאָ, און ברידער און שוועסטער מיליאָנען אַרום,

און אויסגעשטעלט זייערע בליקן צו אונז ווי קוילן דום־דום — — —

יידיש: משה באַסאַק

א. צ. גרינבערג

דער שבט חלוצים

...פֿרעגט אונזער בלוט נישט, ס׳וועט זאָגן אייך אפשר: ס׳איז אַלט...
פֿאָלג מיך אַ גאַנג פֿון אַברהם ביזן היינטיקן חלוץ!
(אַלט בלוט, ס׳האָט געגרוילט אינם קריסטליכן קעלטער פֿון פּחד);
פֿרעגט אונזער האַנט, אונזער האַרט־האָראָפּאַשנער - וועט זי אייך
אַוודאי דערציילן אַזוי ווי אַ לאַנדקאַרט מיט צייכנס:
אונזער דעראָבערונגס־אויפֿגאַנג און אונזער צעפּלאַנצונג
איבער די פֿעלזן און זומפּן און זאַמדן די וויסטע
און איבער דער הויך־אויפֿגעוואַקסענער שטיינערנער קללה –
פֿון גדרה אין פֿלאַכלאַנד, ביז צו די הויכן פֿון גליל.

הערט אונזער ליד, עס וועט זאָגן, ווי אונזערס אַן אָקס זאָגט
דעם אָנקום פֿון מאָרגן אין דאָרף – טרובאַדור פֿון דער אַרבעט.
די זון אינם עמק זינגט הייס אונזער ליד: עס איז יונג
דער שבט חלוצים, וואָס וואַקסט פֿונם שבט אברהם,
ווי יונג ס׳איז דער בוים אייקאַליפּטוס און יונג אונזער ערד,
וואָס מיר האָבן באַפֿוילן: ס׳זאָל ווערן אין מיטן דעם זומפּ,
ווי יונג ס׳איז דער כּביש וואָס מיר רופֿן אנשטאָט אַ שאָסיי.
ריטמוס פֿון יידישן מיטללענדישן ים
איז דער ריטמוס פֿון אונזער געזאַנג (ווייל ס׳איז הערצער־אַנטצינדונג):
אויף דעמדאָזיקן ים האָבן שיפֿן געפֿירט אונז קיין רוים –
ווי די בוימער געהאַקט פֿונם שטאַם... און מיט בלוטיקן זאַק־רויב;
און היינט ברענגען שיפֿן צוריק אונז: צעזונגענע מחנות
איבער דעם יידישן מיטללענדישן ים.

יידיש: דער מחבר

א. שליאנסקי

מ י

האָבן מיר אַ האַנט אַ קליינע, האָט זי פינגער פינף,
פינגער וואַקסענע און איידל־דינע.
אונטן שלאָגט דער דופק, אויף די שפּיצן — נעגל.
אָ, וואָס טוט מען מיט אַזעלכע פינגער אָט ווי די
אין טאָג פון אַרבעט און פון מי ?

האַמער מעכטיק, לעבנס־דופק !
נעגל, וואַקסט אָן ווילד און גרויס !
ווייל מיר גייען צו דער מי אַרויס !

אָ, ווייל איז אייך, איר פינגער,
וועלכע האַלטן סערפּ אין שניט,
האַלזן סקיבעס ערד מיט ווילד־גראָז
און ווערן גאָרנישט מיד.
זאָגט זשע איר :
מיט פינגער איידעלע
וואָס וועט ווערן ?

*

טו מיר אָן, אָ מאַמע טייערע, אַ זיידן העמדל
און פיר אַוועק מיך אינדערפרי
צו דער מי.

ס׳טוט מיין לאַנד זיך אָן דעם ליכט ווי׳אַ טלית.
הייזער שטעלן אויס זיך, גלייך ווי תּפילין

און ווי רצועות קייקלען זיך אַראָפּ שאָסייען
פון די הענט.

דאָס איז אַזוי די שיינע שטאָט מתפלל
צו איר שעפער אַ געבעט.
און צווישן שעפער איז דיין זון אברהם,
דער אַרבעטער־פּאָעט.

און פּאַרנאַכט — דער טאַטע פון דער אַרבעט קומט אַהיים —
ווי אַ תּפילה שעפּטשעט ער געהיים:
אוי, מיין טייער קינד אברהם!
הויט און ביין, הויט און ביין נאָר —
געבליבט איז גאָט!

טו מיר אָן, אָ פרומע מאַמע, אַ זיידן העמדל
און פיר אַוועק מיך אינדערפרי
צו דער מי!

יידיש: ש. זאַראַמב

א. צ. גרינבערג

אַרבעטס-אַרמיי

און איך בין אין דער אַרבעטס-אַרמיי אויפן ברעג ים-התיכון, די
קאַטאָרזשנע אַרבעט, וואָס איר קרוין איז דער עלנט אין אָוונט
און גלי פון סיגאַרן און בלוט פון די אויגן ביים ראַנד, ווי שמאַראַגדן,
אין קלייד פון דער אָרעמקייט-מלכות.
צוזאַמען מיט זיי עס מיין ברויט איך, דעם לחם-הפנים, איבער זיי
און אויף מיר וואַכן די שטערן, די גרויסע.
זיי האָבן דאָ אַלע אַ זעאונג געזען ווי נביאים, געוואָרן פּאָעטן, וואָס
האָבן געשריבן אויף זעל, נישט אויף פּאַרמעט,
און געריימט טיפע פערזן אין טאָוול פון צייט — — —
ביז זיי האָבן פאַרוואָרפן די האָפנונג אין ים, ווי אַ נעץ, ביז זיי זענען
דערגאַנגען צום אינזל פון גאָט און פון קללה.
זאָל מיין שווייגן דערדיידן צו גאָט, וואָס איך רייד נישט אַרויס און טראָג
אין זיך פאַרבאַהאַלטן, פאַרשמאַכט און געדעמערט ווי אַ זון פאַר דער שקיעה.
ווייל צו שווער איז צו מאָלן בתכלית הפשטות, ווי טיף איז די זאָרג
פונם גוף און דידאָזיקע פיין,
ווי טיף איז די שיינקייט פון די פייערלעכע ליידן — — —
— אַי, מאַמע, מעגסט וויסן, טאָמער זעסטו מיך דאָ – וועסט מיך מער נישט
דערקענען. איך בין איינער פון דער כאַלאַסטריע באָסיאַקעס אין מדבר.
דער דלות שפּאַצירט דאָ אין דער טאָגע פון דערנער און אַ גילדערנע בעט
האָט צום שלאָפן ביים ברעג ים-התיכון.
און צו וועמען זיך וועגדן אַצינד מיט אַ גוף וואָס זיין בלוט שוימט
ווי וויין, מיטן וואַרימען וואָרט פונם מויל, וואָס עפנט ווי וווּנד זיך,
ווער איז אַזוי טייער אין וועלט, אַ הוצן טייערן לאַנד, אויב נישט
די איינאיינציקע מאַמע אין גלות — — „וועסט מיך מער נישט דערקענען"

און אונזערע אפיקורסים די היימישע זענען מתפלל מיט אויג און מיט פלאַם
צו די געטער – אַ תּפלה אויף רעגן,
אַ רעגן זאָל גיין אויף יידישער ערד – – –
און אַזוי איז מתפלל יעדע גרודע אויף דער ערד וואָס פאַרשרפה׳ט
און קראַנק איז פון טרויער און טראָגן די משא פון אייביקער גאָטהייט – – –
פאַרנאַכט טראָגט אַרום זיך אַ געוויש פון בענקשאַפט און נגינה און זיי
קענען דיר מאַכן משוגע, צעוואָרימען גופן –
צעצונדענער בליק שטרעקט זיך אויס צו די מאַמעס, צום לאַנד פון דער
קינדהייט, ווו מיר זענען נאָך קליין,
ווו מיר זענען נאָך זיכער און זיס – – –
– אי, וויג, מאַמע, וויג ווידער דאָס וויגל און זינג צו, ווייל
מיד זענען מיר, אַזוי מיד – – –

יידיש: משה באַסאַק

יהודה קרני

אָ, נעמט מיך ווי וועלכן ס׳איז שטיין...

אָ, נעמט מיך ווי וועלכן ס׳איז שטיין, וואָס וואַלגערט זיך דאָ אַ דערנעבן,
שטעלט אַריין מיך אין וואַנט און קלאַפּט צו מיטן האַמער —
אפשר וועל איך אַזוי איבערבעטן מיין היימלאַנד, ס׳זאָל ווערן פֿאַרגעבן
די זינד פֿון מיין פֿאָלק, וואָס האָט נישט די חורבות באַפֿרייט פֿונם קלאַמער — — —

ווי גוט וואָלט געווען ווען איך ווייס, אַז איך בין דאָ אַ שטיין בלייך מיט אַנדערע
און ווי גליקלעך, עס זאָל זיך פֿאַרבינדן מיין זעל מיטן מויער —
מיט וואָס איז דען ערגער מיין גוף פֿון דער זעל, וואָס האָט אויף דער וועלט
דאָך געוואַנדערט
מיט פֿאָלק אין פֿרייד און אין טרויער — — —

אָ, נעמט ווי אַ ירושלימער שטיין מיך און מויערט מיך איין מיט די שטיינער
און טוט מיך מיט טינק דאַן פֿאַרטינקען —
און ס׳וועלן פֿון וואַנט אין כּלות־הנפש מיינע ביינער
צו משיחן זינגען — — —

יידיש: משה באַסאַק

מרדכי טעמקין

* * *

איך בין נישט באַגאַבט
מיט הענט פֿון אַ דראָבערער און בוער.
צי קען איך אָבער אָן אַ זייט שטיין פֿאַרלייגט די הענט,
די ווייסע הענט ?
איך ווער אַזוי פֿאַרלוירן
זעענדיק זיי רוען שטילע, דורכזיכטיקע,
אויף מיינע קני —
ווען מענגעס הענט צערעפּעטע
טראָגן, ווי געשאַנקן,
טונקלדיקע ווונדן פֿון דער מי — — —

נאָר ס'ווייסט נישט קיינער, ווי גוט איך הער זיך איין:
איבער מיילן-ווייטן צעהירזשעט איך זיך פֿריידיק,
ווי אַ פֿערד אַ טרייער,
ווען איך דערשנאַפּ: שטאַנגען ווערן איצט אַריינגעקלאַפּט
אין ערד, אין דער פֿאַרטרייעטער —
זי ווערט אַ היימלאַנד, ווערט זי — — —

קיינער קאָן איר נישט, קיינער ווייס איר נישט,
אָט די שעמעדיקע ליבע,
וואָס קומט מיט הענט, מיט ליידיקע, —
ווי אַ וואַנדערער אַ בעטלער ביי די פּלויטן.
שטיי פֿאַרשעמט איך אויף די פֿעלדער פֿון יזרעאל.

יידיש: משה באַסאַק

א. שליאָנסקי

אין געצעלט

בויגט דעם נאַקן איין, באַראַקן.
רעגן. האַרבסט. עס וויינט: או־הו!
ווינט? שאַקאַל? אַ הונט? אַ ברודער?
טריף, דו רעגן, רעגן דו!

טריף־טריף־טריף, טריף־טריף־טראָפּ,
טריף אָן אויפהער, אָן אַ סוף!

ס׳וויינט נאָר דאָ דער האַרבסט אַזוי־אָ,
זון אָן טאַטן וויינט אַזוי.
גאָלד־ליכט לעשט אַ האַנט, וואָס ציטערט,
אין דער הויך — און אַלץ ווערט גרוי.
טריף־טריף־טריף — — —

כ׳וויל די נאַכט קיין ליכט נישט צינדן,
וועל נישט שרייבן היינט קיין בריוו.
כ׳האָב אַ מאַמע ערגעץ — ווי איר!
ס׳איז איר זון — אַ יתום! טריף!
טריף־טריף — — —

קאַלט איז אין געצעלט. צום גאָרנישט
וויינט אַ כלב, וויינט אומזיסט.
ווער נאָך ווייס ווי ער, דער וואָיער:
טאַטע־מאַמע קומען נישט.
טריף —

יידיש: אהרן צייטלין

א. שליאָנסקי

ש ב ת

ס'האָבן אויפגעהערט רויכערן פון שיפן די קוימענס,
עס יאָמערט נישט מער די סירענע.
די הימלען זיך בויגן אַריבער מיין לאַנד דעם פאַרטרוימטן
ווי באָבעשי איבער איר צאינה־וראינה.

ווייל זיבן זיי זענען די טעג פון דער וואָך,
און זיבן די מנורה האָט רערן.
ווער ס'צינדט אין דער זעל אָן די מנורה —
דער מוז אויך איר איילגיסער ווערן.

אָ, גאָט, גיס דיין בוימאייל, און זע: וויפל ליד האָט
בעפלייצט פון דיין גאָלדענעם בעכער —
אויף פעלדער, אויף זאַמדן, שאָסייען און דעכער.
דו האָסט עס צעגאָסן, דו איינער!

בעדענקסט, ווי מיר האָבן בעזונגען אויף בויישע שיפן
(עס וויגן זיך כוואַליעס צו מנחה)
„אַז יידן וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל
ווי גרויס וועט זיין דאַן די שמחה". — — —

פאַרגעסן? — דו האָסט דאָך פאַרצויגן די זעגלען,
בעטריבן די שיף אין געברויזן.
מיר זענען דאָך ווערט אויבנאָן איצט צו זיצן די ערשטע,
צום מאָלצייט פון דיין שבת דעם גרויסן — — —

יידיש: משה באַסאַק

יצחק למדן

נאַכט־שריטערן

א. און נעכט זענען דאָ...

און נעכט זענען דאָ אין מסדה, וואָס ליגן און אָטעמען שווער,
אין שפע פון בלוט און פון כּוח, וואָס שטראָמען אין זייערע אָדערן מער.
די ערד איז דאַן פילבאַר, זי אָטעמט, זי לעבט און זי בליט,
זי ברענט אונטערן גייער די טריט.
דער הימל — דערלאַנג מיט די הענט, ער איז הויך אָבער נאָנט,
אַז יעדער אויפגעהויבענער קאָפּ רירט אים אָן,
אַז יעדע אויסגעצויגענע האַנט פאַרהאַלט זיך אָן אים — — —
ווי זילבערנע קרוינען צעוואָרפן עס שיינען די פעלזן אַרום.
נישט אַנדערש, אָט נעמט אַ פאַרבאָרגענע האַנט זיי אַראָפּ
און טוט אָן אויף אַ יעדערנס קאָפּ — — —
ווייל דאָ זענען פרינצן אַ סך, געקומען אַהער פון דער ווייט,
פון בלאָנדזשען און וואָגלען, ווי בעטלערס, פון שטעטל צו שטאָט,
מיט שמאַטעס באַהאָנגען, און וואַרטן אויף גנאָד,
און איצט וועט זיי נאָכאַמאָל קרוינען און זאַלבן מסדישע נאַכט,
און אומקערן זיי זייער אַלטע אַמאָליקע פּראַכט.
אין אַזעלכענע נעכט — אין דער מחנה איז קיינער נישט מיד,
ס׳שטייט קיינער נישט אָפּ און ס׳איז קיינעמס נישט שלאַבעריק די טריט,
מיט העלדישקייט אָטעמט די לופט דאָ און גיסט אָן די אברים מיט לוסט.
אַ שפע פון כּוחות — און ס׳רייסט זיך אַ וווּנדער-געשריי פון דער ברוסט.
אַ פלאַמיקער דאָרשט אין די אָרעמס, אַ היציקער פלאַם אינם טראָט.
דאַן הויבן זיך שריטערן אויף אויף דער מויער אינדערהויך —
עס גייען מסדה׳ניקעס אין אַ ברענענדן טאַנץ אַרום זיי אין אַ ראָד.

ב. פון שייטערן צו שייטערן

שייטערן אויף אַלע וועגן יידישע, ווי אַ פייער-קאָלומנאַדע, —
שייטערן אויף אַלע וועגן, וועלכע פירן צו מסדה.

אויף די שייטערהויפנס האָט אונזער עלנטער „שמע ישראל" זיך געריסן פונם בראַנד
און אויפן טעמפּן אויער פון דער וועלט געבליבן הענגען ווי אַן אוירינגל פון שאַנד

שייטערן! דער כתב פון אונזערע פאַרברענטע ספרים איז געפלויגן פון די פלאַמען —
ביים שייטער-ליכט מיר קלייבן איצט די אותיות, די פאַרוואָגלטע, צוזאַמען.

שייטערן אין נעכט, אין גרוילִיקע, דעם מסדה-טרוים באַלויכטן האָבן פון דער ווייט,
מיט שייטערהויפנס לאָמיר איצט פון נאָענט באַלויכטן זיין באַשייד.

שייטערהויפנס אויף מסדה — גרויסע יאָרצייט-ליכט ברענען איצט אין שרעק
פאַר דער נשמה פון שטעט און שטעטלעך יידישע, וואָס זענען מיטן פלאַם אַוועק.

צו שייטערהויפנס, ווי צום טאַנץ, פלעגן אונזערע טאַטעס גיין — אַ רעטעניש, אַ סוד —
אַרום די שייטערהויפנס לאָמיר, קינדער, איצטער טאַנצן דעם פּתרון-טאַנץ אין קאַראַהאָד.

ג. נישט צעריסן איז די קייט

נישט צעריסן איז די קייט,
ס׳ציט זיך, ציט זיך נאָך די קייט,
פון דעם טאַטן צו דעם קינד,
פון די שייטערן צו שייטערן —
ציט זיך, ציט זיך, נאָך די קייט.

נישט צעריסן איז די קייט,
ס׳ציט זיך, ציט זיך נאָך די קייט.
פון די שמחת־תורה־נעכט
צו מסדה׳ס נעכט פון פרייד
ציט זיך, ציט זיך נאָך די קייט.

טאַטעס טאַנצן אַט אַזוי:
האַנט אויף אַקסל איינע ליגט,
און די תורה אין דער צווייטער —
ווייַ פון דורות צוגעדריקט —
טאַנצן טאַטעס אַט אַזוי.

טאַנצן אַט אויך מיר אַזוי:
פעסט דעם ראָד האַלט אונזער האַנט,
מיט דער צווייטער אונזער ווייַ —
אַט דעם גרויסן צער־פּאַליאַנט —
טאַנצן אַט אויך מיר אַזוי.

פלעגן טאַטעס טאַנצן גײן —
האָט זיך צוגעמאַכט דאָס אויג,
אויפגעמאַכט זיך קוואַלן פרייד:
צוגעמאַכט די אויגן שײן,
האָבן פיס געטאַנצט אַלײן —
אַז זײ פלעגן טאַנצן גײן.

טאַטעס האָבן גוט געװוּסט,
אַז אויף תּהומען טאַנצן זײ:
טאָמער עפנט מען דעם בליק
װערט דער קװאַל פאַרשטאָפּט צוריק,
װערט די קײט גאָר גיך צעפליקט,
טאַטעס האָבן גוט געװוּסט.

טאַנצן אָט אויך מיר אַזױ
מיט אַ צוגעדריקטן בליק —
זאָל זיך אָט אַזױ די קײט
ציען, ציען בלינדערהײט,
טאָמער רײסט זי זיך, צעפליקט —
טאַנצן אָט אויך מיר אַזױ.

ציען מיר אַזױ די קײט,
נישט צעפליקט איז נאָך די קײט.
װוּהין גײט זי? װוּ דער װעג?
נישט געקלערט און נישט געפרעגט!
ציען מיר אַזױ די קײט!
װײַטער, װײַטער, װײַטער, װײַט.

ד. התלהבות

גייט אַ טאַנץ ערשט אויף מסדה,
אַלט און יונג!
מזרח, מערב, צפון, דרום
אינם רונג.

ברענט מסדה=טאַנץ פאַנאַנד זיך
אין די טריט —
מאַך אַ וואַרע, דורות-גורל,
היט זיך, היט!

פלאַם פון טאַנץ צעשמעלצט די שטיינער
אויף דער ערד,
ליגט אַ פעלז — איז רוקט ער אָפּ זיך —
צעריבן ווערט!

נידעריק איצט זענט איר הימלען,
אויפן קאָפּ,
צעשפּרייט זיך ווי די טעפּיכער און
פאַלט אַראָפּ.

ווייל אין טאַנץ, ווען ער צעברענט זיך,
שטייגן מיר,
אַזש מיר גרייכן מיט די קעפּ שוין
אין עפיר.

דונערט מיטן קאָפּ אין הימל
וו׳אין אַ פעל!
אַזוי זאָל הערן מסדהס טאַנץ
די גאַנצע וועלט.

ליד באַגלייט דעם טאַנץ מסדהס
פון באַשייד,
בערג און פעלזן! ענטפערט: אמן
שטילערהייט!

נעכטנס ליגן אונז צופוסנס
אויף די קני,
היי, איר מאָרגנס, ברענגט אונז
נייעם אינדערפרי.

זונען זאָלן גיין מיט טאַנץ,
שטערן — צימבלענדיק
אָנזאָגן דער וועלט די בשורה
פון מסדהס זיג.

בויג, אָ וועלט, דיין פליכן שאַרבן
פאַרן גאולה-טראָט,
מיט אונז גייט און זינגט „ישראל!"
באָט אַליין אין ראָד.

יידיש: ש. זאראמב

דוד שמעונאָוויטש

דער יובל פֿון די פֿורמאַנעס

(אידיליע)

אַ וואָס פֿאַר אַ נאַכט איז די נאַכט? אין דער דאָזיקער צייט אויפֿן „בערגל"
איז תּמיד דאָך שטיל. עס שלאָפֿן די איינוווינער פֿון די געצעלטן
געשמאַק נאָך דער אַרבעט. נאָר שטיל גייט דער שומר, די ביקס אויפֿן אַקסל,
אַרום פֿאַר די ווייסע געצעלטן, אָדער דער יונגער פּאָעט גייט
אַרויס אויף אַ רגע פֿון צעלט מיט דער ליכטיקער נאַכט זיך צו קוויקן.
ער הויבט אויף דעם בליק צו די בערג, פֿאַרצויגן מיט זילבערנע וואָלקנס,
ער קוקט אויף די שייטערן־צונגען, וואָס פֿלאַקערן רויט אינם נעפּל,
ער כאַפּט אויף דעם ציטער, דעם פֿייערלעכן, פֿון די אייביקע שטערן,
ער הערט פֿון דער ווייט דעם פֿאַרטייעטן רויש, דעם פֿאַרשטיקטן, פֿון ים,
פֿון ים הגדול; ער אָטעמט אַ פֿולע ברוסט אין זיך איינעט
די לופֿט פֿון געלייטערטן מרחב אין טויאיקער נאַכטיקער קילקייט,
ער זיפֿצט אָפּ פֿון שפֿע געפֿילן און ר'גייט צו צום שומר און פֿרעגט אים
אַ פֿראַגע אַזוי עפּעס סתּם, און ער גייט אַרײַן שלאָפֿן... און ווידער
אַ שטילקייט אַרום, נאָר דער שומר גייט אום מיט דער ביקס אויפֿן אַקסל
אַרום די פֿאַרשלאָפֿענע ביידלעך. און דאָס זענען די צעלטן־באַוווינער:
צום ערשט גייט די ליטווישע קבוצה, פֿאַרנעמט ערשטע שורה פּאַלאַטקעס,
סך הכּל אַ צוואַנציק פּאַלאַטקעס, וואָס טיילן אַזוי לויט די שטעט זיך:
ניין געהערן ווילנע, און קאָוונע האָט פֿינף געצעלטן, און צוויי, בלויז
צו צוויי — פֿאַר די שטעט פֿון פּראָווינץ, פֿאַר סמאַרגאָן, קאָשעדאַרי און סטאָלין.
(מען רופֿט ביי די נעמען זיי אַלע. ווייל מיט די געבורטס־שטעט עס גרויסן
די ליטוואַקעס זיך. מען האָט איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן איינעם אַ ליטוואַק:
„איר זענט נישט פֿון לאָנדאָן?" האָט ער זיך באַליידיקט און ג'ענטפֿערט מיט רוגזה:
„וואָס עפּעס פֿון לאָנדאָן? איך בין דאָך אַ טעלזער, פֿון טעלז טאַקע גופֿא!")

ס'איז יעדער פון זיי אַ בן־תּורה און טרוימען פון ציון פון קינדהייט.
זיי אַרבעטן טריי אויפן פעלד און פאַרשפּרייטן „קולטור" אין דער מחנה.
די חצרותער זענען צופרידן מיט זיי, כאָטש מען האָט נאָך אַ ישוב:
דאָס ליטווישע קעפּל איז שאַרף און ווער ווייס וואָס ער קען נאָך אויספּילפּלען.
גאָר אַנדערע זענען די דרומדיקע פון ים פון דעם שוואַרצן;
זיי שטאַמען פון האַלב־אינזל קרים און זיי וווינען אין צוועלף געצעלטן
טייוואָלים אין זינגען און טאַנצן געוואַלדיק באַליבט ביי די מיידלעך,
ביי די שיינע חצרות'ער מיידלעך. ס'איז אמת, אַז זייער העבּרעיש
הינקט אונטער אַ ביסל, נאָר ס'קענען די מיידלעך זיך בלויז אויפ'ן ווונק שוין.
די געצעלטן די דייטשע — נייַ, אין אַ קרייז אויסגעשטעלט זענען זיי.
טיר קעגן טיר — אַ סימן אַ גוטער פון ברידערלעכקייט און פון אחדות,
און ברייט איז דער ראָד און אין אים אינדערמיטן — אַ לייטער און סלופּעס,
אַ שפּרינג־ברעט, טראַפּעזן און פילקעס און אַנדערע גימנאַסטיק־מכשירים,
סטודענטען פון דייטשער הויכשול, מיטגלידער פון דעם „בר־כּוכבא", —
איז טוען זיי אַרבעטן שווערע, ווי עפּעס אַ הייליקע טוּאונג.
די ערנסטע פּנימער דריקן אַ קאַפּעלע גאווה אויס, עטוואָס,
הגם זייער האַלטונג איז, אמת, גאַנץ שטיל און באַשיידן.
עס חוזקן שטיל די קרימטשאַקעס פון זיי: „אַ ליטווישער בחור,
הגם ער איז אויך אַ מתנגד, נאָר טאָמער גיסטו אים אַ קיצל,
וועט ער זיך צעלאַכן ווי'אַ מענטש, און כאַפּן אַ טענצל ווי'אַ חסיד,
נאָר אָט אָ די דייטשן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ אָפּגעריכט גלות,
זיי שאַפן דאָ „ווערטן נייע", זיי זענען מקדש דעם שם פון דער אַרבעט
און האָבן אַ פּנים דערביי ווי אַ קדוש און זויער ווי'אַן אתרוג.
די גאַנצע וועלט ליגט אויף זייערע פּלייצעס, די גאַנצע אַחריות."
באַלד נאָך דעם ראָד ליגן אויסגעשפּרייט נאָך דריי און דרייסיק געצעלטן.
דריי שורות, צעטיילט אין דער לענג, און עס וווינט דאָרט דער ערב־רב איצטער.
פאַרוואָס עפּעס ערב־רב? ווייל ווו עס האָט נאָר דער גלות אַ העק

פון אומעטום שטאַמען די בחורים, די איינוווינער פון די געצעלטן.
זיבן און אַכציק נפשות פון פינף און צוואַנציק מדינות,
אין בית החלוצים באַגעגנט זיך און זיך צוזאַמענגעשלאָסן.
מען רופט זיי „כל יכול-לעגיאָן”, ווייל ביי זיי זענען אַלערליי ספּעצן,
זיי פליִען אין לאַנד אום, פון איין עק צום אַנדערן, לעבן־אויף וויסטעס,
זינט דורות און יובלות. זיי האַקן אין בערג אויסעט וועגן,
זיי גראָבן אין פעלזן קאַנאַלן, זיי טרוקענען זומפּן און בלאָטעס,
זיי בויען־אָפּ חורבות, באַוואַסערן טרוקענע מדבריות.
ערשט זענען זיי דאָ אין חצרות געקומען, פון בערג האַקן שטיינער,
(מען בויעט אַ סך אינם לאַנד און עס פעלן אויס בוי־מאַטעריאַלן)
אַוועקגעשטעלט זייערע ביידלעך אין גבעת הגורן דער שיינער, —
ד׳געווען אַזאַ שמחה מיט זיי — אַז איינער פון גרויסער התפעלות
אַזש האָט אַ געשריי געטאָן ערב־רב און ס׳איז אַזוי שוין פאַרבליבן.
און נאָך אָט דעם ערב רב וווינען די היינטיקע פּירער פון דור,
איך מיין, די חצרות׳ער פּורמאַנעס. לאַנג איז קיין יידישער פורמאַן
צוליכט נישט געווען אויף דער גאַנצער קאָלאָניע, נאָר זינט די פּורעניות,
האָט דער קאָלאָניסט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן חשבון. דער ערשטער —
דער פּרדנסניק כּרמי גענומען אַ חלוק צו זיך פּאַר אַ פורמאַן,
און ס׳האָבן חלוצים אַ נאָמען געגעבן „פּירער פון דור” זיי,
און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אין גבעה מיט פרייד און אַ הוראַ! —
זיי האָבן געצעלטן נאָר צען און זיי וווינען אין זיי זאַלבע דרייסיק.
די רעשט האַלט זיך אויף אין קאָלאָניע חצרות ביי די באַלעבאַטים —
פופציק צוזאַמען, און דאָס איז דער תּוך פון דער היינטיקער שמחה,
געטראַכט און באַשלאָסן: אויב שוין אַ יובל פון יאָרן פון פופציק,
פאַרוואָסזשע נישט פּראַווען גלייך אויך אַ יובל פון פופציק פורמאַנעס?
דער איינפאַל האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע געצעלטן־באַוווינער
אין גבעת־הגורן, און מ׳האָט זיך געפריייט מיטן יובל דעם נייעם,

דער פורמאַנעס־יובל האָט מען אים גערופן — אַ זעלטענער אויפטו!
זיי האָבן געיאָגט די חתנים פון יובל, זיי זאָלן זיך גרייטן
און ס'איז דאָך אין ערגעץ נישט שענער צו פראַווען דעם יום־טוב, ווי אין דער „גבעה".

שווימט די לבנה, פאַרפלייצט מיט די שטראַלן גאַנץ גבעת־הגורן,
די זילבערנע לייוונט־געצעלטן, די פאַרביקע פרייליכע חברה;
נ'אָט זענען די געסט פון דער שמחה: די איינוווינער אַלע פון גבעה,
אויך זייטיקע אַרבעטער פון נאָנטע קאָלאָניעס יהודה'ס;
די שיינע חצרותער מיידלעך אין ווייסע פאַנטאָפל און קליידלעך
(אַ ווינט גאָר אַ נייער האָט אָנגעהויבן בלאָזן צווישן דער יוגנט:
מען שעמט זיך שוין מער מיטן אַרבעטער נישט, מען זוכט גאָר זיין פריינטשאַפט,
נאָכמער: מ'האָט אָנגעהויבן רעדן אַליין וועגן שיינקייט פון אַרבעט,
אַ טייל פון זיי טרוימען אפילו פון גערטנער, גרינוואַרג און עופות,
נאָר איצט, לעת עתה, באַגיסן זיי יעדן פאַרנאַכט בלויז די בייטן,
די בייטן מיט בלימעלעך קליינע, וואָס שפּראָצן ביי זיי פאַר די פענסטער,
און שיטן אויך קערנער אַרויס פאַר די שטובן ביי זיי אין די הויפן.
זיי פרייען זיך שטאַרק מיט דעם יום־טוב און זענען געקומען אין מאַסן.
אַרום זיי, ווי בינען ביי בלומען, זיך רויען די בראַווע קרימטשאַקעס).
דער פּרדסניק כרמי, אָט דער וואָס געווען איז דער ערשטער צו נעמען
אַ פורמאַן — אַ חלוץ, אַ ביישפּיל פאַר די באַלעבאַטים פון חצרות,
ז'געקומען צו גיין און האָט אַ מתנה געבראַכט אַ זאַק מאַנדלען.
און כאָטש ר'האַלט שוין קרוב פון פופציק, ז'ער גראָדע און שטאַרק ווי אַ דעמבע,
ס'איז זיכער זיין טראָט, און די הענט זיינע שטאַרקע ווי אייזערנע פרענטעס,
געדיכט באַטשופּרינעט דער קאָפּ, כאָטש ס'וואַרפט זיך שוין ווו נישט ווו גרוי דורך.
ער פליט ווי אַ בעדווין אויפן פערד און זיין ביקס מאַכט נישט קיינמאָל קיין טעות.
אַ מאָל פלעגט ער אָפּלאַכן פון די חלוצים און רופן שלימזלען,
נאָר זינט ר'האָט געזען, אַז זיי קענען דעם שונא אַ קלאַפּ, ווו מען דאַרף, טאָן —

ט'ער אָנגעהויבן ליב האָבן זיי און פאַרברענגט מיט זיי גערן צוזאַמען.
יורם, אַ סוחרס אַ זינדל – פון דער תּל־אביב־„אַקאַדעמיע"
אַוועק און געוואָרן אַ חלוץ, ער אַרבעט איצט ביי די שאָסייען, –
ז'בעקומען צום „פעסט" און געבראַכט מיט זיך טייערע צוויי פלעשלען קאָניאַק,
בעקויפט פאַר זיין אייגן פאַרהאָרעוועט געלט – אַ מתנה די פורמאַנעס.
זרחי דעם עסקן דער זשוואַווער – פון דער פאַרטיי, פון „העובד",
אַ חריף, אַ גאון, אַ מומחה מסדר צו זיין רעזאָלוציעס,
אַ פאָרזיצנדער אַזש פון דרייצן קאָמפּאַניעס, קאָמיסיעס און קאָמיטעטן,
ז'בעקומען פון יפו צום אָוונט, צו פאַנגען אַ ביסל „נשמות"
פאַר זיין פאַרטיי און פאַרייניגעס אַ שטאָך טאָן דאָרט דעם „העמל".
אויך גחלי, דער פּלאַמיקער רעדנער, דער פאָרשטייער פון דעם „העמל",
זיין ריידן איז פייער און פלאַם, זיין איראָניע איז שאַרפער ווי שווערדן,
בכוח צו באַגייסטערן אפילו אַ טויבן, אַ שטומען, אַ שטיין –
איז בעקומען פון יפו צום יובל, צו פאַנגען אַ ביסעלע נשמות
פאַר זיין פאַרטיי און גלייכצייטיק שטורמען די זינד פון „העובד".
דאָס זענען די געסט פון דער שמחה. חוץ זיי זענען דריי נאָך פאַראַנען:
דריי שיינע אַכטיעריקע יינגלעך, יגאל, עמיקם און רענן,
דריי איכרשע קינדער ארויסגעכאַפּט זיך פון דער שטוב בגנבה
און נאָכגעשלעפּט זיך נאָך דער שוועסטער אין גבעת־הגורן צום יובל.
דער גרעסטער פאַרלאַנג, אַז זיי וועלן זיין גרויס, איז צו זיין בעל־עגלות.
דער חשובסטער פון אַלע דריי איז עמיקם, דערפאַר וואָס אַ זשרעבאַק
נישט לאַנג איז געבוירן געוואָרן ביי זיי, איז ער שטאָלץ מיטן זשרעבאַק,
יאָ, אָבער אויך רענן איז נישט אַבי־ווער, ווייל נישטאָ נאָך זיין גלייכן
אַ יינגל זאָל שרייען אַזוי ווי אַן אייזל און יאָמערן ווי אַ שאַקאַל.
אַצינדערט אין גבעת הגורן פלאַטערן זיי ווי די רוחות,
זיי ציען די שוועסטער די קליידער און פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס,
זיי הירזשן, זיי מרוטשען, זיי קרייען, זיי וויען אַזוי ווי שאַקאַלן,

אַ גוטע געלעגנהייט, גרויס איז די שמחה, ווי קען מען דען שווייגן?

איז דורך צווישן עולם דער פּויקער, ער קלאַפּט אין אַ ליידיקער נאַפּט־בלעך.
אַ רגע איז שטיל און דעם טאַנץ האָבן איבערגעריסן די טענצער,
די זינגער זיי הערן אויף זינגען, זיי שטופּן צום טיש זיך, צו קאָסטן.
שטייט דאָרט אַ בייכיקע פּאַס און אויף איר אין דער הויך שטייט דער בחור
דער, וואָס האָט געטיילט פון איר ווייַן, אונטערן אָרעם דאָס בייטשל,
ער איז שר־המשקים און קאָמענדאַנט פון דער הייַנטיקער שמחה.
די ברייטער, די שטרויענע הוט, מעשה פּורמאַן, פאַררוקט אויפן נאַקן,
די שוואַרצע געקרויזטע טשופּרינע וווילײַנגעריש אַראָפּ אויפן שטערן
אַ מוטיקער בליק אין די אויגן, און ב׳האַלטענער שפּאָט אויף די ליפּן...
מען רופט אים דער מגיד, ר׳קען דרשנען פּונקט ווי די אַלטע מגידים
מאַכט נאָך די העוויות, דעם חיתוך הדיבור, און זייערע תנועות.
„רבותי – הויבט ער אָן זיין דרשה – אין ילקוט הקטן פון רבין
ר׳ אחד העם ווערט געבראַכט, אַז די יידישע גאולה וועט קומען
נישט דורך דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער, נאָר דורך נביאים.
אין פּלוג איז דער מאמר דאָך קשה: נביאים, אַ וואָסערע מיינט ער?
זאָל איך זאָגן נביאים ממש און לייענען דעם פסוק כפשוטו
טאָ דאַרף דאָך זיין נ ב י א און נישט גאָר נביאים, וואָרן ס׳שטייט דאָך
„הנה אנוכי שולח לכם את אליהו ה נ ב י א
לפני בא יום ה׳״ – כ׳וועל שיקן צו אייך אליהו הנביא
פאַרן קומען פון געטלעכן טאָג, איז וועמען זשע מיינט ער?
דאַרף מען לערנען דעם פּשט, אַז ער מיינט נבי מוסה און נבי רובין
און נבי צלח, וואָרן חלילה נישט זיי וואָלטן מיר נישט זוכה געווען
ער היום צו אַ פורמאַן אַ יידישן אין די קאָלאָניעס די יידישע
פון פּתח תקוה דער רביצין, ביז דער מאָדערנער גדרה
און פון דער פּראָסטער חדרה ביז ראשון, דאָס אוידעלע קינד

אַזוי האָט געענדיקט דער דרשן. ס׳האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם
די צוהערער האָבן הנאה געהאַט פון דעם פשטל דעם שאַרפן,
נאָר דורך זייער ליבע איז אַ שווידער אַדורך, ווייל זיי האָבן דערמאָנט זיך
ד׳אַראַבישע גרויסע חגאות, וואָס הייסן אַזוי מיט די נעמען:
נבי מוסה, נבי רובין און נבי צלח,
ווען ס׳האָט שיער די כוואַליע פון שנאה צעטראָגן ס׳געצעלט פון ישראל,
פאַרניכטנדער שטורם ט׳געדראָט אויסצולעשן דעם פונק שוין דעם לעצטן.
דער איינפאַל געווען אָבער גוט איז און מ׳האָט זיך גאָר האַרציק צעלאַכט.
בלויז איינעם האָט עטוואָס פערדראָסן די דאָזיקע דרשה די קורצע,
און, נעמלעך, דעם פרדסניק כרמי, הגם ר׳האָט געוווסט, אַז גאַנץ ריכטיק
גערעדט האָט דער מגיד: אַ יידישער פורמאַן נישט ג׳האַט האָט קיין צוטריט
אין ערגעץ, אין קיין שום קאָלאָניע און אויך נישט אין זיינע, אין חצרות.
ער קען זיך נישט איינהאַלטן, אָננעמען מוז ער זיך פאַר זיינע לייט,
נישט לאָזן באַליידיקן. זאָגט ער: „גאַנץ שיין ט׳איר געדרשנט, מיין ליבער,
און כאָטש איך אַליין בין אַ פראָסטער און כ׳ווייס נישט און כ׳וויל גאָרנישט וויסן,
ווער ס׳איז דאָרט דער תנא ר׳ אחד העם, בין איך מודה, זאָג אָפן:
געווען פון אונז אכרים אַ חטא, וואָס מיר האָבן די חלוצים דערוויטערט!
און איר אָבער דאַרפט אויך נישט לייקענען, אַז איר און אויך אייערע חברים
— הגם איר זענט אַלע סטודענטן, געלערנטע, וויסערס און רעדנער —
זענט איר, ווען עס קומט צו דער שטאַל, כ׳בעט אייך איבער, נאָך ייִנגלעך,
און ווער פון אייך קען אונטערשיידן אַ פערד פון אַ פֶּרֶד?”

געענדיקט זיין רעדע, ט׳ער אָפגערוקט זיך אָן אַ זייט און געוואָרפן
אַ בליק פון נצחון אַרום: נו פאַרמאַכט אייך דאָס מויל, האַ, סמאַרקאַטשעס!
אַ ווייל האָט דער מגיד געשוויגן, נאָר באַלד מיט אַ קלוגיטשקן שמייכל
געענטפערט: „גאַנץ שיין פון אייך, כרמי, וואָס ר׳ווילט גאָרנישט וויסן
ווער אחד העם איז, דאָך ווער עס איז דוד המלך געוועזן

דאָס ווייסט איר געוויס, און זייט מודה, אַז גאָרנישט קיין בטלן, קיין חלוץ!
פונדעסטוועגן איז ער אין שטאָל פּונקט, ווי מיר, אַזאַ חכם געוועזן.
ער זאָגט דאָך בפירוש אין תהילים: כּסוס, כּפרד אין הבין.
דאָס הייסט, ס'איז אים שווער צו פאַרשטיין פון אַ פערד ביז אַ פרד

ער האָט נאָך נישט ג'ענדיקט, דער עולם האָט הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט זיך
באַזונדער האָט כּרמי הנאה געהאַט פון דער וויציקער דרשה.
ר'האָט ממש געפּלאַצט פון געלעכטער און לאַכנדיק האָט ער געשטאַמלט:
יאָ, כ'לעבן זיי זענען שוין גאָר קיין נאַראָנים נישט, גאָר קיין בטלנים!
געלאַכט האָט גיריק זרחי דער זשוואַווער, געלאַכט האָט דער פלאַמיקער גחלי,
זיי האָבן זיך צוגערוקט ביידע נאָר וואָס צו דער בינע דעם קאַסטן,
זיי האָבן זיך ביידע געכיטרעוועט זי צו פאַרכאַפּן און טריפן
די לויטערע רייד אויפן עולם, נאָר ס'האָט דער מנהל פון יובל
פאַרשטאַנען באַלד זייער כּוונה און נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט זיי.
ער האָט זיך געווענדעט צום עולם: „רבותי, געענדיקט די רעדעס,
בלויז ס'לעצטע וואָרט איז געבליבן — מיר זענ' זי מכבד בן ארצין
איידער מיר וועלן צעגיין זיך, און איצט צו דער כּוסה און אַ טענצל!"
און תּיכּף האָט גבעה זיך הילכיק מיט לידער פונאַנדערגעקלונגען,
געציטערט פון פעסטן גאַלאָפּ, פון דעם רווישיקן, שטורמישן טאַנץ.
דאַן אויסגעדרייט האָט ער דעם קאָפּ צו די רעדנער, צו זרחין און גחלין,
וואָס זענען געשטאַנען נאָך אַלץ ביי דער בינע מיט באַליידיקטע מינעס,
אַ פּנים געמאַכט, ווי ער וואָלט זיי אי'צט נאָר וואָס דערזען און געזאָגט:
עס זאָל אייך נישט ווערן גערעכנט, וואָס איר האָט אונז היינט אָפּגעטאָן גאָר.
וואָס האָט איר אַזוי זיך באַהאַלטן און גאָרנישט דעם עולם מהנה געוועזן?
פונדעסטוועגן, כאָטש איר'ט באַליידיקט אַזוי די פורמאַנעס, פאַרשעמט זיי,
וועט אונז זייער אָנגענעם זיין, אַז ר'וועט מיט אונז טרינקען לחיים!
ער האָט אָנגעגאָסן צוויי קווערט און געגעבן זיי זרחין און גחלין.

זיי האָבן זיך ביידע פאַרלעגן געפילט און פון גרויסער פאַרלעגנהייט געזאָגט זיך „לחיים״! און ווײַן ביזן דעק אויסגעטרונקען.

די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, דער הימל איז טונקל געוואָרן.
דער גלאַנץ פון די שטערן ווערט פלאַמיק, אַזוי ווי אַ צינדערט.
נאָכדעם די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, ז׳געקומען די אמתע
צייט צו צעפלאַקערן זיך מיט דער ערשטער באַהאַלטענער שיינקייט.
עס פינקלט די שיין אַזוי פריש, אָט־אָט און עס דאַכט זיך, זי שעפטשעט.
עס דאַכט זיך: די שווייג נאָר אַ ווײַל, וועסטו הערן דאָס ווייטע געזאַנג.
אויפן טונקלען סאַמעט פון תכלת עס שפּרינגען זיך גאָלדענע נעצן,
געהיימע און פלאַמיקע שריפט, ווי די אייביקייט וואָלט איצט אַנטפּלעקן
פאַר אונז אירע סודות... שטילערהייט האָט זיך דער יונגער פּאָעט
פאַרקוקט אויף די טיפע צעפייערטע הימלען, געזויגען די שיינקייט
פון זיי מיט די אויגן און דאָרשטיק געטרונקען די ליכט, ווי ער וואָלט זי
געוואָלט דווקא איינזאַפּן אין זיך, זאָל ווערן אַ טייל פון זיין לעבן.
אויך ער איז געווען פון די פופציק פּורמאַנעס אין הצרות. צופרידן
איז ער מיט זיין עובֿדה. ער אַרבעט געטריי און האָט ליב פערד און וואָגן,
אויך איינער פון די אַנטשטאַרן פון יובל איז ער.
זיין האַרץ איז גערירט און באַגייסטערט. דער יום טוב — זיין אייגענער יום־טוב, —
דאָך איז ער צום טאַנץ נישט אַרויס און זינגט מיטן עולם נישט מיט,
זיך אויסגעדרייט בלויז צו דעם פּריינט, וואָס געשטאַנען מיט אים איז צוזאַמען
(זיי ביידע -- געטרונקען לחיים צו עטלעכע מאָל און געווען שוין
אַ ביסל בגילופין. דער דאָזיקער חבר האָט ליב געהאַט דעם דיכטער
מיט צערטליכער ליבשאַפט און אים פאָרגעזאָגט גאָר אַ ליכטיקע צוקונפט)
און זיך אָפּגערופן: כ׳האָב דורכגעמאַכט פיל, זינט איך בין דאָ געקומען.
נאַטור האָט געעפנט איר בוך, נאָר איך האָב נישט געקענט אין אים ליינען.
ווערטער גאָר פרעמדע אין נייע, און ניי און נישט היימיש דער אינהאַלט.

הגם עס האָט באַלד מיר געלאָקט זייער סוד און געפּילט דעם באַהאַלטענעם כּשוף –
ביז איצט דאָך האָט ס׳הארץ נישט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ פֿויגל צום נעסט
און ס׳האָט זיך אַן עכאָ אַ פֿולער פֿון טיפֿן געמיט נישט צעקלונגען.
נאָר אין די דערהויבענע רגעס, באַווייזט זיך דער רוח־הקודש,
עס שלאָגט אויף אַ כוואַליע געפֿילן, עס בליצט און עס דונערט מיט ווידיעס, –
אויך דאַן פֿלעג איך זען פֿאַר זיך בילדער, נישט פֿון ארץ־ישראל, נאָר ווייטע...
בילדער פֿון לאַנד אין דער פֿרעמד, ווו געשטאַנען די וויג פֿון מיין קינדהייט.
די קינדהייט איז הייליק, און הייליק און טייער זענען אירע זכרונות.
ס׳איז הייליק, געהייליקט די ערד, ווו עס איז אונזער וויגל געשטאַנען,
דער הימל. וואָס האָט אונזער אויג אָנגעטרונקען דער ערשטער מיט ליכט
די לופֿט, וואָס עס האָט איינגעאָטעמט צום ערשט אונזער קינדערשע ברוסט,
די רוסישע לאַנדשאַפֿט, די קלאַנגען, וואָס כ׳האָב איינגעזאַפּט אין מיין פֿרילינג,
די שאָטנס פֿון טונקעלען וואַלד און דעם רעש פֿון די שטראָמיקע טייכן,
די פֿרייקייט פֿון סטעפּעס פֿון גרינע און ס׳גאָלד פֿון די אָפֿענע פֿעלדער,
די שטורמס פֿון שיינענדן פֿרילינג און דער אומעט פֿון וויינענדע האַרבסטן,
די שטומקייט פֿון שנייען און ווינטער, דער צער פֿון אוממענדלעכע ווייטן —
האָט איבערגעפֿילט מיר דאָס האַרץ, אַז כ׳האָב גאָר אַליין נישט געוווסט
ביז כ׳האָב דאָ נישט לאַנג איצט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז מיין געמיט נאָך אין גלות...
געקוקט אויף אַ פּרעכטיקער פּאַלמע, כ׳געבענקט נאָך אַ וויינענדער בזשאָזע,
דער בליענדער ווינטער מיר צוגעבערט, און כ׳טרוים גאָר פֿון שנייאיקע סטעפּעס.
איך זע, ווי ס׳איז שיין די נאַטור דאָ אין ארץ, און כ׳ווייס, זי איז מיינע,
נאָר איז נאָך אין האַרץ נישט פֿאַרוואַקסן, אַ טייל פֿון מיר נאָך נישט געוואָרן.
אָ, גלויב מיר, די קנאה איז תמיד געווען מיר פֿרעמד און אויך איצטער.
נאָר כ׳ארץ ישראל האָב איך אָנגעהויבן פֿילן אַ קנאה, אַ שטאַרקע,
אַ הייסע און ברענענדע קנאה. און דאָך ווערסטו קיינמאָל נישט טרעפֿן
ווער ס׳זענען געווען די גליקלעכע. ס׳זענען געווען די היגע,
די תּושבים פֿון לאַנד און באַזונדער — די קינדער אין לאַנד דאָ געבוירן.

איך האָב שוין אַ סך דורכגעמאַכט און פונדעסטוועגן לאַנג נישט פאַרשטאַנען,
אַז ס׳אײלט זיך נישט שטאַרק די נאַטור אָפּצוּוואַרפן דעם שלייער פון פּנים
פאַר יעטוועדן פרעמדן און גאַסט. און דערווייל האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן,
שאָסייען געשניטן אין גליל, האָב שטיינער געהאַקט און די זון האָט
געגליט אויף די קופּעס חצץ, ווי איך בין געזעסן און דאָך נישט
געטרונקט די ריטשקעלעך שוויס, וועלכע זענען פון פּנים גערונען.
פון דער רעכטער זייט — בערג, און פון לינקער זייט האָט זיך דערטראָגן דער רעש
פון דעם ים הגדול, נאָר קיל איז דאָס הארץ מיר געבליבן, פון ווייטן.
געוועזן בין איך מיד און צעבראָכן — נאָך דעמאָלס אַ פּריץ אין דער אַרבעט,
נישט ג׳וואָלט אָבער אָפּשטיין, כ׳האָב ממש קיין צייט נישט געהאַט דאַמאָלס
אַ קוק צו טאָן ווען אויפן הימל, אַרומקוקן זיך אויף דער לאַנדשאַפט,
נאָר אין די חלומות ביינאַכט, פליג איך צייטנווייז פּלוצלינג דערזען
די בערג פון גליל, אינם הימל, פאַרנומען דאָס ריזלען פון קוואַלן,
און אויפוואַכנדיק אינדערפרי, בין איך מונטער און פרייליך געוועזן...
דערנאָך אין יהודה, געפלאַנצט אין קרית יערים די וועלדער,
כ׳האָב כרמים געגראָבן אין רחובות, געאַקערט דאָס פעלד אין באר־טוביה,
געווען אַ שומר אין גדרה, באַוואַסערט די גאָלדענע פּרדסים
אין פּתח תקוה, געקליבן אין ראשון, בקיצור געהאָרעוועט,
געטאָן אַלע אַרבעטן שווערע און גרינגע און סוף־סוף געוואָרן
מיט מזל אַ פּורמאַן. כ׳האָב אויפגעהערט טראַכטן פון נאַטור מיט איר שיינקייט,
כ׳האָב לאַנג געהאַט פאַרוואָרפן, פאַרגעסן די פעדער, נאָר דאָ האָב איך איינמאָל
ביינאַכט, ווען איך בין פאַר דער שטאַל־טיר געזעסן, דערפילט אַזוי פּלוצים
ווי ס׳איז מיר אַ בעלמע אַראָפּ פון די אויגן און ס׳האָט זיך געעפנט
דער נאַכטיקער כּשוף פאַר מיר, אַנטהילט און דערהויבן און נאָענט,
ווי ער וואָלט זיך באַקענט צו מיר איצט נאָך אַ לאַנגער פאַרפרעמדקייט.
ערשט קוק איך צום הימל אַרויף, און ער איז אַזוי נאָענט מיר, דער הויכער,
כ׳דערמאָן זיך די ליידן פון פרעמדקייט, די פרייד פון דער ווידערדערקענונג —

דאָס האַרץ גייט אַריבער די ברעגעס, און כ׳בין אַזוי רוישיק באַרוישט,
באַרוישט פון דער שיינקייט און מיין נישט, אַז ס׳רעדט פון מיר איצטער די משקה.

מספּים געווען האָט דער חבר, נאָר נאָך נישט געענטפערט, ווי ביידן
ט׳אַ ריס געטאָן דער שטראָם פון די טענצער. און דאָס איז געווען
דער עכטער באַליבטער חלוצישער טאַנץ, וואָס מ׳דאַרף זיך נישט לערנען.
פון אים האָט זיך קיינער נישט אויסגעדרייט, אַלעמען האָט מען געצווונגען.
מ׳האָט זיך פאַר די הענט אָנגענומען, דער טאַנצט און דער שפּרינגט און דער האָפּקעט
און לאַכנדיק, טאַנצנדיק האָט מען אַרומגעטאַנצט גבעה אין ראָד.
עס האָבן געטאַנצט די געצעלטן-באַוווינער און זייערע אורחים
אין שיך, אין פּאַנטאָפּל און אַנדערע — באָרוועס. די טעכטער פון חצרות
געטאַנצט האָבן חנעוודיק שיין אין די קליידלעך און שיכעלעך ווייסע.
פאַרפלאָכטן די הענט מיט די הענט פון די פּריילעכע בראַווע קרימטשאַקעס
מען האָט אויך הער כרמין געכוויט, כאָטש ר׳האָט זיך געשעמט און געקווענקלט,
געטאַנצט האָבן זרחי און בחלי, פעסט האַלטנדיק זיך פאַר די אָרעמס;
עס האָט דער לצנישער מגיד צוזאַמענגעפּאַרט זיי ביים טאַנצן.
עס האָבן געטאַנצט די דריי יינגלעך, עמיקם און יגאל און רענן,
זיי זענען געשלאָפן שוין לאַנג אין אַביידל פאַרמאַטערט פון שטיפן,
און ס׳האָבן די שוועסטער זיי אויפגעוועקט, ד׳זאָלן אַהיים גיין, נאָר זיי —
בעזען אַז מען טאַנצט — איז אַריין אינם ראָד צווישן די גרויסע!
געטאַנצט האָט גאַנץ גבעת הגורן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שטערן
אַרויס זענען אויך אין טאַנץ אויף די בלויע און אייביקע וועגן.

עס זענען די טענצער שוין מיד, דער ראָד רייסט זיך באַלד שוין פאַנאַנדער
און אָט רופט דער מגיד, דער פירער, אויס מעכטיק און הויך: „רבותי!
עס איז שוין באַלד חצות, אָט באַלן וועלן מיר זיך צעגיין אויף די ערטער.
ווי ס׳קומט אָן אַ נייער באַגינען, איז מוז מען שוין זיין ביי דער אַרבעט.

נאָך אײדער מיר גײען פֿאַנאַנדער זיך, זאָג מיר נאָך הערן דאָס שלום-וואָרט,
בן ארצי-לעב, עפֿן דײַן מויל און לאָז טריפֿן װי טוי דײַנע רײד!"

איז בן ארצי אַרױס פֿון דעם טאַנצנדן ראָד און איז צו צו דער בינע,
דאָס הײסט, צו דעם קאַסטן-טיש. קײַלכיקער רוים האָט זיך איבערגעריסן.
געשטופּט האָט דער עולם זיך פֿון אַלע זײַטן, פֿון צווישן די געצעלטן
געאײַלט צו דער בינע, אַצינדערט איז װידער אַ ראָד, נאָר אַ פֿולער,
איז קײַלעכדיק פֿול און אין צענטער פֿון אים שטײט דער רעדנער בן ארצי,
דער נײַער חצרותער פּאַסטוך, דער ליבלינג פֿון אַלע חלוצים.
אין זײַן טשופּרינע זיך װאַרפֿן אַדורך װוּ-נישט-װוּ גרויע האָר שוין
נאָר אין זײַנע אויגן די בלויע לאַכט פֿרײלעך אַ יוגנטלעך פֿײַערל,
אַ װוּנדערלעך פֿלעמל, װאָס פֿינקלט פֿון תּמיד בײַ אים אין די אויגן,
אַפֿילו אויך דאַן, װען ער האָט זיך געראַנגלט אַמאָל אויפֿן ירדן
מיט אַ שאַר בעדװינער װאָס איז אָנגעקומען פֿון מדבר
כּדי צו פֿאַרנעמען די טשערעדע שאָף פֿון די אָרעמע פֿערמער בײַם ירדן.
אויך דאַן, װען ער האָט זיך מטפּל געװען מיט יתומים און קראַנקע
כ'אַראַבישן דאָרף, װען עס האָט אַ מגפֿה געבושעװעט דאָרטן.
און אויך אין די בלאָטעס פֿון טויט אין די גרויע שומרונישע בערגער —
דער ערשטער געפֿלאַנצט דאָרטן בוימער, געזונגען אַלײן אין דעם זומפּ.
איצט קוקט זיך בן ארצי אַרום מיט זײַן פֿרײלעכן בליק אויפֿן עולם,
אַ שמײכעלע ליכטיק און גלעטנדיק שװעבט אויף די אײדעלע ליפּן,
ער הײבט אָן און זאָגט: „מײַנע פֿרײַנט, זײַט מיר מוחל, איך בין נישט קײן רעדנער,
נאָר װי קען מען דען נישט באַגריסן אײַך, טײַערינקע בעלי-עגלות?
איך װאָלט שטאַרק צופֿרידן געװען, װען עס װאָלט אײַך מײַן ביסל דערפֿאַרונג
פֿאַרשאַפֿן אַ קאָפּ פֿאַרגעניגן, פֿאַרלײַכטערן אײַך אין דער אַרבעט.
יאָ, שװערע און שמאָלע די װעגן, פֿורמאַנעס, אין ארץ ישראל!
נישט אײנמאָל קומט אָן אײַך אַ װאָגן אַנטקעגן און ר'קענט אים נישט מײַדן,

פֿאַרשטעלט אייך דעם וועג מיטאַמאָל גאָר און סטאָפּ, נישט אַהער, נישט אַהין
זייט רויִק דאָ, ברידער, און שטאַרקט זיך! מיט שטילקייט און ישוב־הדעת,
נעמט בינדט אָפּ פֿון וואָגן די שטריק, וואָס זיך האָבן פֿאַרפּלאָנטערט
ביז ס׳וועט אייך געראָטן, אַז יעדער זאָל פֿאָרן בשלום זיין וועג.
נאָר ס׳זאָל אייך נישט איינפֿאַלן אַמאָל, אויסצודרייען דעם דישל צוריק.
געדענקט, נאָר איין וועג איז פֿאַראַנען, דער וועג וועלכער פֿירט אויף פֿאָרויס,
יאָ, שווער זענען די וועגן דאָ אין ארץ־ישראל, קיין טראַקט, קיין שאָסיי נישט!
און טאָלן און בערגער און גריבער און קופּעס מיט שטיינער און זאַמדן,
דער טומל פֿאַרדולט אונדז דעם קאָפּ און עס הויבט זיך דער שטויב און ער דושעט,
ווען ס׳הילכט און עס דודניעט דער וואָגן און ס׳שפּרינגען די רעדער די שווערע —
איך בעט אייך, פֿאַרשטאַרקט נישט דעם טומל און מאַכט נישט
דעם שטויב נאָך געדיכטער

פֿאַראַן בעל־עגלות, וואָס האָבן ליב דווקא צו טומלען און קורזשען,
זיי מיינען, אָן דעם איז נישט מעגלעך קיין ציל צו דערגרייכן.
טאָ מיידט אויס, איר יונגע פֿורמאַנעס, דעם דאָזיקן טומלענדן עולם...
אין ווינטער, אין פֿינסטערע נעכט, ס׳פֿאַרכאַפּט אייך אַ שטורעם אינמיטן,
עס גיסט ווי מיט צעבערס דער רעגן, איר זעט אין דעם חושך קיין וועג נישט:
ווען ס׳יאָמערן קעץ און שאַקאַלן אין בוזן, פֿאַרכמורעכן דרויסן,
ווען ס׳האָט זיך אין וואָלקנס געדיכטע פֿאַרלאָרן דער וועג־ווייזער־שטערן, –
דאַן שרעקט זיך נישט איבער, קוקט טיף אינעם האַרץ, דאָרט גליט אייער שטערן
גרייט זיכער און שטיל אין זיין ליכט. מיט פּאַמעלעכן רויִקן גאַנג
וועט איר קומען צום ציל, מעג דער וועג זיין ווי שווער און ווי ווייט"

אַ ווייל האָט בן ארצי געשוויגן – דאָס שמייכעלע שיינט אויף די ליפּן —
און ווידער קלינגט אָפּ אין דער, האָרכנדער שטילקייט זיין ווייך־שטאַרקע שטימע
„דאָך נישט בלויז דאָס פֿאָרן דאַרף זיין ביי אייך עיקר, איר פֿורמאַנעס ליבע;
ס׳איז אמת, מען רופֿט אייך דאָ פּ י ר ע ר אין גבעה, מנהיגי הדור.

איך ווייל דאָ נישט אָנרירן דעם כבוד פון פירער — דער יסוד פון דער אַרבעט
איז אַקערן יידישע ערד און אויפוועקן די דרימלענדע כוחות.
יאָ, אַקערער, דאָס איז דער אמתער נאָמען, אויף אייך וואַרט די ערד,
עס ציטערט פאַר אייך נאָך די וויסטע, איר רייסט זיך אַריין אין איר גבול, —
וואָס איז די קלאָג פונם דאָרן אַנטקעגן דאָס ליד פון באַפרייונג?
אַ טויב פאַלט פון נעסט, איז ווי גוט, ווען מיר קענען איר אָפּהיה'ן ווידער,
אַ פאָלק, וואָס סע גייט אָפּ אין בלוט און אין בלוט שטייט עס אויף און דערוואַכט,
ווי זאָל מען נישט ציטערן פאַר גליק אין דער גרויסער מינוט פון דערוואַכונג!
אָ, אַקערס, געליבטע, און זינגט, וואָרן דאָרט ווו דער אַקערער זינגט
דאָרט בויגן די דערנער די קעפּ און די שטיינער פון פעלד ווערן ווייך.
פינסטער און טיף איז די נאַכט, נאָר ליכטיק און וואַכיק די שטערן,
אַ שטילקייט און פוסטקייט אַרום, נאָר זיי טריפן מיט ליכטיקע טויען.
עס דרימלען די פעלדער, נאָר שטילערהייט וואַרטן זיי אויף אייער קומען.
שוין באַלד איז דער אָנברוך פון מאָרגן — צי ווערט איר זיין צוגעגרייט, וואַך?

געענדיקט די רייד — איז בן ארצי פאַרשוווּנדן צווישן די ביידלעך.
די צוהערער האָבן אַ ווייל נאָך געשוויגן, פאַרנומען די שטילקייט,
ווי זיי וואָלטן געוואָלט נאָך דערכאַפּן דעם ווידערקול פון זיינע ווערטער.
און ס'האָבן די טרערן אַ פינקל געטאָן אין די אויגן פון יורם,
דער זון פונם יפּוער סוחר, וואָס איז ערשט אַ חלוץ געוואָרן.
דער פּרדסניק כרמי ד'געשטאַנען, געבויגן דעם קאָפּ און געטראַכט זיך:
„משמעות, עס קומט אָן די עלטער, וואָס גריבלט אַזוי דען אין הארצן?
אַ מאָדנער דערדאָזיקער פאַסטוך. אָ, גאָרנישט קיין פּשוטער מענטש נישט".
און פּלוצלונג האָט אויפגעשאַלט ווידער ס'געזאַנג „בשוב ה' את..."
און ליכט זיך צעצינדן אין טונקלקייט, רויטיקע פרייעלעכע פאַקלען,
פון שטעקנס פון לאַנגע מיט שמאַטעס בײַם עק איינגעטונקען אין ביימל!
דאָס האָבן געצונדן די געסט, וועלכע זענען געקומען פון ווייטן,

און מיט געלעכטער און לידער אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער נידער.

און נאָך הויבט זיך אויף אין דער שטילקייט פון נאַכט אַ פאַרטייעט געזאַנג,
דאָס זינגען אויף וועגן אויף ווייטע די געסט, וועלכע קערן אַהיים זיך.
די שיין פון די פאַקלען נאָך ציטערט און וויגט זיך אין נעפּל אין ווייטן.
און נאָר אויפן „בערגל" הערשט לאַנג שוין אַ שטילקייט אַ טיפע פון דרימל.
עס זיצט נאָר דער פורמאַן-פּאָעט פאַר דער טיר פון זיין ביידל אַליין,
ער קוקט אויף דעם פלאַטער דעם פייערלעכן פון די אייביקע שטערן,
ער כאַפּט אויף די שיין פון די פאַקלען די ווייטע אין זילבערנעם נעפּל,
ער נעמט אויף די קולות פון נאַכט און דאָס ליד, וואָס דערוויטערט זיך, גוסט
פאַרנעמט דאָס געוויין פון פוקסן, און פלוצלונג דערזעט ער אין דמיון:
שמשון... און דריי הונדערט פוקסן... און פאַקלען... און ס'בילד איז צערונען!
ער מאַכט צו די אויגן, נאָר וואַכער און פלאַמיקער פינקלען די שטערן...
אַ זיס און פאַרטייעט געזאַנג: „והיה באחרית הימים..."
ווער זינגט עס אַצינד דאָס ליד? צי איז עס בן ארצי, וואָס שמייכלט
זיין שמייכל דעם צאַרטן צווישן די נאַכטיק דערהויבענע שטערן?
און שאַ! אָט ברומט ער דער ים, ים הגדול, ער הערט אים אין דרימל,
בעזונקען דעם קאָפּ צו דער ערד, אויף די ליפּן — אַ שמייכל.

יידיש: ש. זאַראַמב

פֿאַר'אָבל'טע וועגן

*

ניט אין דער מינוט איז די גבורה, נאָר אין דער
פּסדרדיקייט. — — די העכסטע מדרגה איז: — שטיין
אויף דער וואך פֿון דעם מענטשלעכן ווערט אָן אויפֿהער:
שעה'ן, חדשים, יאָרן, גיין אַ שטאַרקער אנטקעגן אַלץ,
אויך — און דער עיקר — אנטקעגן קליינקייטן.

(כּל כּתבֿי, באַנד ב') — י. ח. ברענער

יצחק למדן

פ אַ ר אַ נ ע ן   נ ע כ ט ...

פֿאַראַנען נעכט דאָ אין מסדה, אָנגעשוויגענע און אויף בייז פֿאַרקלערט,
ווי שוואַרצע פֿייגל לאָזן זיי אַראָפּ זיך מיט די גרויסע פֿליגל אויף דער ערד,
אָנווייען אַ פֿינסטערניש אויף באַריקאַדן, פֿאַר קעמפֿער אויסלעשן דעם וועג,
אַז פֿאַלן זאָל דער מוט און פֿאַלן זאָלן זיי...
אַ טרער, אַ גרויסע טרער, שטייט די נאַכט אין אויג, עס שטיקט דער
פֿינסטערניש אַ געוויין,
גיב אַ ריר אַ שטיין – פֿאַרגייט ער, אַ קוסט – צעכליפּעט ער זיך...
שייטערן פֿאַנאַנדערגעלייגטע גייען אויס, עס לעשט זיך ס'ביסל קראַפֿט אין האַנט;
קיינער לייגט קיין צווייג נישט צו, קיינער בלאָזט דעם פֿייער נ'לשט פֿאַנאַנדער...
פֿאַרקלייבן זיך די העלדן אין זיך, לאָזן זיך אַראָפּעט מידע
און פֿון נאַכט־קוואַלן, פֿון שוואַרצע, טרינקען שווייגנדיק זיי אומעט.
אומעט, אומעט – – –

יידיש: משה באַסאַק

י. ד. קאמזאָן

קריזיס

א.

ס'האָט קריזיס פאַרשפּרייט איבער אונז זיינע פליגל ווי ראָב,
פאַרשטומט איז געוואָרן דער שיר.
איז קומען שוין פייגעלעך מער נישט אַראָפּ
קלייבן ברעקלעך ביי אונז פאַר דער טיר.

עס איז יעדער טיש אַ פאַרלאָזטער מזבח, וואָס שטייט
אין מקדש אַליין נאָכן גזר;
פון שבת צו שבת אויף אים ליגט ווי אַ טישטעך פאַרשפּרייט
די קללה פון הונגער און צער.

ב.

דרייט זיך אַן אַרבעטער אום אויף אַ וויסטן ירושלימער פּלאַץ,
ווי ר'וואָלט דאָ די פעלזן געהיט נאָכאַנאַנד.
וואָס טוט דאָ אַן אַרבעטער? — כביכול אַליין
היט דאָך די פעלזן פון הייליקן לאַנד.

טאָג אין טאָג קומט ער, שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ,
ווי ער וואָלט אויפן „קץ", אויף אַ צייכן, געוואַרט.
דו אָרעמער פועל, לאָז אָפּ שוין, וואָס איז דיר אַריין אינם קאָפּ? —
דער טויער פון זעאונג איז לאַנג דאָך פאַרשפּאַרט.

יידיש: ש. זאראמב

ר ח ל

א י ן ש אַ כ ט

עס שרייט אַ פֿראָש אין שוואַכער האַנט
פֿון טיפֿער פֿינסט׳רער שאַכט:
איך לעב נאָך, כ׳לעב! ווּ ביסטוּ פֿריינט?
אָ, רוף זיך אָפּ, דערוואַך!

אַ טאָג, אַ נאַכט און שטיל און שאַ —
און נאָך אַ טאָג פֿאַרגייט.
עס פֿאַלט דער פֿראָש פֿון שוואַכער האַנט,
בלייבט ליגן שטילערהייט.

אין אימה פֿאַרן טויט, ווי ער,
פֿאַרשאָטן ביז דער העלפֿט, —
אויך מיך דער גורל האָט באַשערט
צוּ שרייען: כ׳לעב נאָך, העלפֿט!

מינוטן – שעהן – יאָרן! ס׳גייט
די האָפֿנונג אָפּ מיט בלוט.
די הילף דעם חברס קומט צוּ שפּעט,
פֿאַרשלאָפֿן די מינוט.

יידיש: ש. זאַראמב

א. שליאָנסקי

צום אומבאַקאַנטן

א בריוו פון אומבאַקאַנטן — ס׳איז דעם מענטש נישט גוט.
ווי ליב איז יעדער אות פון ציטעריקער האַנט!
אָ, וואָס האָסטו פאַרשאָלטן, גאָט, אַזוי דאָס בלוט
און ס׳שמייסט דער „לך־לך" ווי אַ בייטש אויך דאָ אין לאַנד.

איך ווייס דאָ גאָרנישט, כאָטש איך האָב דיין שוועל דערגרייכט.
עס שרייט דער גוף: גענוג! נאָר גיין דאָס בלוט באַפעלט!
דער רעגן גרוי־באַגריוועט הירזשעט אין די נעכט,
אין רייטוואָגן פון האַרבסט געשפּאַנט אין מיטן וועלט.

אָ, ווער ביסטו, דו אומבאַקאַנטער פריינט, איך האָב
זיך אָנגעטרונקען מיט דיין בריוו, ווי ליידן־ווײַן.
נאָר גלויב זיי נישט! ס׳איז פאַלש, אַז מיך געזאַלבט האָט גאָט
מיט פאַלע אָפּצווישן טרער פון מענטשלעך פּיין.

נישט בעט ביי מיר, אָ פריינט פאַרשטענדיקער, קיין ראַט.
גאָט ווייס די וואָר: איך בין אַ תּפילה־אָרעמאַן
איך טרעט אין ווינקעלער די ווייַנטרויבן פון לייד —
מיר וועלן ביידע טרינקען ווייַן פון וואַנזין דאַן.

ס׳האָט בייזע נאַכט מיין כּרם לאַנג שוין אָפּגעפּליקט, —
עס איז מיין ברודערס בריוו מיט טרערן אויסגעמישט.
איך זע דיך רעגן, סאַרוועער דו, דערלאַנגסט געשיקט
אונז אַלעמען דעם כּוס פון ביטערניש.

יידיש: ש. זאַראַמב

א. צ. גרינבערג

אַ בריוו פון דער מאַמען

אין די טייערסטע פון אַלע פרויען – די יידישע מאַמעס –
גאָרן מעבר לים; ס׳גייט זיי אויס זייער חיות,
און ס׳גיסן די אויגן זיך אויס פון אויסקוקן זיך.
שרייבן זיי בריוו מיט די הענט, וואָס זיי זענען באַשאַפן
געוואָרן צו האַלדזן און גלעטן,
און קענען צו זייערע דערוואַקסענע זין נישט דערלאַנגען
איבער אַזוי פיל גוייִשע דערפער און שטעט
און איבער אַ וואַסער אַזאַ...
שרייבט זי די יידישע מאַמע מיט גוטס אין די הענט:

נויט אין א״י, דחקות און עלנט
שטייט אין די היבע באַזעמען אַזוי אַלץ געשריבן.
איז קום זשע צוריק, פיל געשעצטער און איינציקער זון.
די שטוב וואַרט אַזוי אויף דיין קומען
און די כלים אין שטוב זענען טרויעריק זייער און זייער,
וואָס דו ביזט נישטאָ.
שבת און יום־טוב זענען נישט שבת און יום־טוב.
פאַרשטערט איז דער טיש ווייל דו ביזט נישטאָ.
און דער עיקר וואָס איך׳ל דיר פרעגן,
נו וואָס איז דער תכלית?
ווייטער אַזוי אָט... ס׳שטייט נישט די צייט אויף איין אָרט.
ווען ווערסטו האָבן אַ היים און אַ ווייב־און־קינד.
אַ מענטש מוז זיך עפּעס דערלעבן,

צו עפּעס דערוועדבן...
מיינסט אַז דאָס הייליקע לאַנד וועט אָן דיר זיך נישט באַוועגן?

וואַנדערט דער בריוו איבער ים אין אַ שיף פֿול מיט פּאַרערס.
וואַנדערט אַ דינן בלעטל האַרץ ווי אַ דינן בלעטל רויט־גאָלד.
און קומט אָן די שיף צו די ברעגעס פֿון יפו — איז ווידער:
די בריטישע פּאָסט אינם לאַנד ווייסט געגוי נישט דעם אַדרעס
פֿון די יידן די ווילדע אויף זייער דעראָבערונגס־אינזל --
בלאָנדזשעט דער בריוו אָט אַזוי פֿון קיבוץ צו קיבוץ,
פֿון קבוצה צו קבוצה.
זאָגט איינער: מיר דאַכט זיך, אַז „ער" איז אין גליל התחתון...
זאָגט איינער: מיר דאַכט זיך, אַז ר'איז גאָר אין שומרון...
ביז ענדלעך פאַרבלאָדזשעט דער בריוו צו דעם, וואָס אים מיינט מען.

גייט יענער אַריין אין געצעלט, צי אינם באַראַק דאָרט,
האָבן יחוד אַ ווייל מיט אַ בריוו... (ס'איז ממילא דאָך אָוונט) —
מאַכט ליכט אינם לעמפּל, צי גאָר ביים געפֿינקל פֿון שטערן,
און טרינקט מיט די אויגן ווייטע בענקשאַפֿטן־אומעט;
דאַן לייגט ער צוזאַמען דעם בריוו און באַשליסט: „אַז באמת
איז געקומען די צייט ער זאָל שרייבן אַ בריוול אַהין".
און וואָס ס'איז נוגע: „וואָס ס'קוקן די אויגן זיך אויס דאָרט",
און וואָס ס'איז נוגע: „דער שטוב און די כלים"
און וואָס ס'איז נוגע דער שאלה: „נו וואָס איז דער תכלית?"
„עס שטייט נישט די צייט אויף א י י ן אָרט", —
וועט ער שוין אודאי געפֿינען תירוצים דערפֿאַר — — —
דערווייל אָבער וועט ער פֿאַררויכערן איצטער זיין רויך־ווערק
און פּאַפּען לכבוד די שטערן אין ארץ־ישראל...

און סתּם פֿאַר דערפֿאַר... וואָס ס׳איז טאַקע אַ בריוול געקומען
און די טייערסטע פֿרוי פֿון אַלע פֿרויען
לעבט נאָך מעבר לים דאָרט – – —

יידיש: דער מחבר

א. שליאַנסקי

דער שטורם־פויגל

דערנאָך גייט צו צו מיר אַ צווייטער (זיין גוף — אַ פרייד פון שטאָל איז,
אונן אויפן פנים — ים־פאַרשיכורטקייט און וואַנדער־פלאַם)
און רופט זיך אָפּ צו מיר:
מאַ־מע, ס׳פאַרטראָגט נישט די יבשה מיר, דעם תלוש,
איך בענק אַזוי. גיי אויס צום ים — — —

אָ, ווען האָב איך געהערט די ווערטער מיטן מאָדנעם זינען,
וואָס האָבן ערגעץ־ווו אַמאָל מיך דורכגעבליצט,
ביים פאָרענטש אויפן דעק דיינעם, אָ, לאַיד טריעסטינע,
באַגעגן איך אים ווידער דעם טשודאַק דאָ איצט — — —

כ׳דערמאָן אַ פעקל טעג זיך אין עמק אויפן באַרג גלבוע,
עס לייגן בערג זיך אויסעט טרינקען פונם קוואַל פון עין־חרוד.
ווי אין אַ געטלעכן בית־מקדש האָבן דאָן אין הילצערנעם באַראַק, אין גרויען,
באַרווישטע פיס געזאָגט תהלים אין אַ קאַראַהאָד — — —

פאַרחלשט ליגן פעלדער, צעפרעסן פון חמסינען,
אויף טוי זיי בעטן אויף דער פעלזן־שפּראַך.
פון אוהל ביזן שטערן האָבן מיטן ליד פון „הכניסיני"
געפלאַטערט בענקשאַפטן פאַרשטענדלעכע פאַרשמאַכט — —

און בערג, די הויקערס, האָבן אויפגעשטעלט דעם רוקן,
געקראַצט זיך אָן די שאַרפקייטן פון שטערן שטילערהייט — — —

„אָ, מאַמע, ס'פאַרטראָגט נישט די יבשה, קאָן אויף מיר נישט קוקן" —
אַ געהיימניספולער האָט ער צווישן ברידער זיך אַרומגעדרייט — — —

געווען איז דאָס אַמאָל... ווי ס'וואָלט אַ וואַסער־פאַל מיר אָפּגעטונקען...
די טעג ווי טיפער וואַלד... און אינם וואַלד — אַ בראַנד...
אָט שטייט ער לעבן מיר... צי האָט ער מיר דערקענט צווישן יונגען?
עפּעס האָט אין אים זיך אָפּגערופן: גיי, גיי צו און גיב די האַנט — —

ער גייט דאַן צו. אַ הויכער, און צעשויבערט —
אַ שטורם־פויגל האָט צו „זיינע" זיך צוריקגעקערט...
איך פרעג אים: גוט? — ער ענטפערט נישט. ווי ער וואָלט געווען אַ טויבער.
די פליגל איינגעצוירעט און מאָדנע ווי פאַרקלערט — — —

פאַראומעטיקן זיך די אויגן מיינע: איז דאָס ער און אפשר גאָר אַן אַנדערער? —
נישט געוואַגט דעם סוד אַראָפּרייסן, דערגריין זיין זין...
מיר שווייגן ביידע און נאָר זי, די האַנט געהיימע, וואָס האַלט מיט
אונז אין וואַנדערן
האָט ווייטער זיך געשפּינט דעם גורל־פאָדעם, ווייטער אים געשפּינט — —

יידיש: משה באַסאַק

יצחק למדן

די תפלה

די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון פרעמדע תליות און אַרויף דאָ
אויף דער מויער —
לענק, גאָט, זייער טראָט, זיי זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן און נישט פאַלן,
ווייל מידע זענען זיי און האַלטן זיך קוים־קוים;
פאַר די, וואָס אַלע זונען אין די זיבן הימלען האָבן זיך פאַרלאָשן —
באַוויז, דערבאַרעמדיקער, דעם גענאָד פון דער לעצטער זון מסדהס,
וואָרן אויב אויך זי וועט זיך אויסלעשן — וווהין נאָך האָבן זיי צו גיין?
פאַר די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פענער־וויקעלעך פון אַלע אומות
און אַהערגעקומען נאַקעטע צו גיין —
שענק זיי, גאָט, איין העמד כאָטש, וואָס זאָל זיי וואַרעמען, פאַרדעקן
זייער נאַקעטקייט, די צעשוידערטע — — —
און די, וואָס מוטערס־מילך נישט פאַרטריקנט איז נאָך אויף זייערע ליפּן
און ס'פלאַטערט נאָך אויף בעקלעך זייערע דער גלעט, דער וואַרעמער, פון
טאַטנס האַנט —
מאַך לינדער, גאָט, דעם עלנט זייערן, זיי אַ פאָטער זיי, אַ היטער,
ס'זאָל די צאַרטע האַנט דעם שווערן פאַנצער קענען האַלטן,
מאַך ווייכער די מסדה־פעלזן אונטער זייער קאָפּ דעם מידן!
און די, וואָס האָבן דאָ פאַרזייט מיט טרערן דעם געזיי פון זעל און זעאונג —
זאָל נישט אויסשלאָגן דער האָגל אים און חמסינען נישט פאַרטריקענען,
גיב, אָ גאָט, אַ גוטן רעגן און זאָל אים טוי אין נעכט באַפרוכפּערן
און בליען זאָל ער און געבן גוטן שניט — — —
ס'זענען מיד מסדהס זין אַזוי, שווער די לאַסט פון די געציילטע,
אויסגעפּרוווט אין אַלע קאַמפן שוין, אויסגעשטעלט די ברוסט שוין קעגן אַלע קוילן,

ניַשט אויסגעפּרוּווט נאָר אין איין קאַמף, דעם לאַנגן און פאַרביסענעם,
אויף דעם אַ קליינטשיק שטיקל ערד – – –
שטאַרק, גאָט, דעם געמיט זייערן, ס׳זאָלן זיך ניַשט אויסלעשן די פלאַקערן פון בונט,
וואָס זיי האָבן אַהער געבראַכט צו טראָגן, ווי שבת־ליכט, ווי הייליקע,
אין וועלטן־דעמערונג.
ווען נאַכט פאַלט צו אויף מויער, לאָז די שייטערן ניַשט אויסגיין!
זעסט, אָ גרויסער גאָט: אַן אויסגעשטרעקטע האַנט. פון צווישן ים און מדבר
איז אויסגעשטרעקט א האַנט
און האַלט דעם לעצטן טרוים, אַרויסגעשעפּט פון וואַנדער־נעכט:
מ ס ד ה.
אין הענט פון ווינציקע דאָ אויף דער מויער ליגט דער חלום און זיין פּתרון –
אויב אויך דאָסמאָל ווערסטו, גאָט זיך ניַשט דערבאַרעמען און ניַשט
באַוויליקן דעם טרוים
און צום קרבן זיך ניַשט קערן דאָסמאָל אויך — – – – – – – – – – –
– –
אָ, גאָט, באַוואַך מסדה!

יידיש: מ ש ה ב א ס א ק

ר ח ל

א י ר ק אַ ל י פּ ט

כ׳האָב נישט איינמאָל געזען: ס׳טוט די האַק זיך אַ הויב —
און אַ פאַל — און אין לייב אַ דערלאַנג!
און ס׳בלוטיקט, געוואַלגערט אין זאַמד, דאָס געצווייג,
ס׳געצווייג אַזוי פלאַטערדיק־בלאַנק.

און ס׳הויבט זיך פאַראומערט דער יתום דעם שטאַם
נאַקעט, אָן צווייג און אָן קרוין.
און ס׳דאַכט זיך דיר תמיד: דער בוים וועט דאָסמאָל
נישט פאַרגעסן, נישט מוחל זיין שוין.

נאָר אַ יאָר איז פאַרביי, דו קומסט דאָרט אויפסניי —
און דו שטייסט און דו קוקסט פאַרגאַפט:
צו הויכקייטן ציט זיך ווידער ס׳געצווייג
און פלאַטערט אין יונגער קראַפט.

יידיש: אַהרן צייטלין

דעם מדבר אנטקעגן

*

דער לעבנס־באַגער, וואָס אין אונז זאָגט:
אַלץ איז מעגלעך.

י. ח. ברענער.

א. שליאָנסקי

דעם מדבר אנטקעגן

א.

אוויפגעהויפנט, אָנגעשאָטן
ליגן זאַמדן ווי מאַמאָטן
אין אַ דורות־רוי פאַרגליווערט,
פון יאָרהונדערטער געמיטן,
ס׳קומט קיין מענטש ניט
זיי צעוואַרפן און צעשיטן.

נאָר דער גרויער גייערפויגל אונטער אָוונט־הימל
הויבט זיך אויף פון דאָרן קוסט,
מאַכט אַ קרייז
און ווערט אַנדרימלט.

און אין דער לבנה־שיין,
אין שטילן גאַנג
ציט זיך ווייט אַ קעמלען־קאַראַוואַן
אין דער גאָלער ליידיקייט אַריין.

און אַ דינעם
נאָגנדן געזאַנג
טראָגט דער ווינט
מיט גלעקל־קלאַנג :

שאָקל־וואַקל,
וואַקל־שאָקל,
שלאָף אין וועג —
ס׳רעדט זיך דורך אַזוי דער מדבר־האַר
מיט זיינע חיילות
פון עק צו עק.

ב.

און מיטאַמאָל
האָט אין דער זון
דאָס אַקער־שטאָל
אַ בליק געטאָן.

קרעכצן טיף די סטאַדעס זאַמד:
— הײ, ווער מענטשן האַנט
האָט דאָס געוואַגט,
און אונדזער קיווער
דורכגעהאַקט ?

און אַ קנאַל, אַ סווישטשעריי
טראָגט זיך אום פון באַרג צו באַרג:
— הײ!
שנעל, זיפזיף!
גיב דעם ליים!
דערלאַנג צעמענט
אויפצובויען דאָ די הײם.

און פון יעדן אייזן־גראָב,
און פון יעדן פעסטן טריט
ציטערט אויף דאָס זאַמד
און פליט.

ג.

שטייען לייטערס צו די ווענט
מיטן קאָפּ,
עמער, צעבער — גייען הענט
אַרויף אַראָפּ.

ווייס פון קאַלך, פעסט געזוילט —
מיינע שיך.
כּלים — שלוחים פון רעוואָלט —
כ׳טראָג מיט זיך.

דיך באַצווינגען, קאַראַוואַן
פון פוסט און פּאַס,
דווקא דו וועסט גיין אין שפּאַן
צו שטוב און גאַס.

צו פאַרטרייבן קאָס, שאַקאַל,
און דעם אוהו!
מיט יעדן עמער גיסט מיר קראַפט
דווקא דו!

קיץ

שאַקאַלן אויף די בערגלעך אַרום,
קוקן אויף די הייזער
דערשראָקן און שטום.

ד.

צווישן די הייזער,
צעשטעלט אין אַ רײ,
ציט זיך אַ ווייסער
דער גאַרטל־שאָסיי.

אַ וועג ווי אַ גאַרטל, —
מיט האַמער און דלאָט
קוואַרטל נאָך קוואַרטל
רוקט זיך די שטאָט.

קריכן שאַקאַלן אַרויס פון דעם גראָט
מיט שרעק,
שטילערהייט שעפּטשעט מאַמאָט צו מאַמאָט:
אַוועק!
הילכט אָפּ דעם מדבּרס געבאָט:
— דעם וועג!

און אין כאָר
זינגט אַ שטאָט,
זינגען ווענט
ליד פון אײַזן

און צעמענט:
– האַמער, דלאָט!

דלאָט – האַמער, האַמער – דלאָט,
שטעל, מיין קעמל, פעסטן טראָט.
קנעט, קנעט, הענט, ס׳איז זיס די מי
יה־חי־לי־לי־עמלי –

ה.

אָט אַזוי אַ קנעטן פעסטע אָרעמס דעם בעטאָן,
וועיענדיקער מדבר האָט זיך הינטערוויילעכץ שטיל אַ רוק געטאָן.

נישט געזעגן, נישט געהערט פון דעם בייזן פּלאַן.
און עס שושקעט קאַראַוואַן זיך מיט קאַראַוואַן:

– וואַגט, וואָס שוויגט איר! שטייט נישט, קומט צעשטערט!
און ווי שווערע לאַפּעס צוויי, איז אַרויף אויף אונז דער חמסין שווער.

ו.

בייזט בייז אויף מיר, פאָטער פון מדברשער שרעק,
אַ, שטיף־פאָטער דו מיט דיין סומנע געמיט, –
און ווי ווערסטו מיר דען פאַרגעבן דעם חטא,
וואָס איך האָב דיך אויפגעוועקט מיט מיינע טריט?

די פרייד פון דיין האַרצן איז וויסטקייט און גלות,
דיין לאַנדשאַפט איז דאָרן און ווילדער געשריי.

קיט

איך האָב דיך פֿאַרשוועכט מיט מיין זינגנדן מוט,
דיין וויסטעניש, וועלכע האָט פֿיינט דעם פּאַרזיי.

דעריבער שטרעקט יעטוועדע סאַברע די אָלן
פֿון דערנער־שטאַכלען אויף איטלעכן וועג,
און טשערעדעס־זאַמדן מיט העלזער מיט גאָלע –
און חמסין מיט שטעכיקע צונגען אונז לעקט.

כ׳האָב אָנגעהויבן קנעטן זיפֿזיף צום בעטאָן
דעם מדבר צו פּענטען מיט שטריק פֿון צעמענט, –
דאַן האָסטו מיר גליאיק אַן אָטעם געטאָן
און יעטוועדעס שטיינדל פֿאַנאַנדערגעברענט.

נאָר ס׳לויפֿן ווי בענדער שאָסייען און וואַלן
און הייזער ווי פֿויסטן אין כאַאָס זיך ביילן,
און ס׳שטוינען און שמועסן ביינאַכט די שאַקאַלן
און יאָמערן קעגן דער שטאָט און זיי איילן.

און כ׳ווייס שוין ערשט, אַז אַ נקמה־געבעט
ביינאַכט וויינט דער זאַמדיקער מדבר און שווערט,
און הויך איבער דראָענדיקן מינאָרעט
שוועבט האַלבע לבנה, אַזוי ווי אַ שווערט.

– היי, ראובן,
– שמעון, היי!
– לענק דעם אַקער
קעגן זיי!

ז.

און ווידער קנעטן אָרעמס דעם געמיש פון זיפזיף מיט צעמענט.
און אַ ליד פון אויפשטאַנד זינגט די שטאָט אין כאָר פון הענט:

אַקער, פליס זיך,
רייס דעם שטיין,
ס׳וועט אַ גרויסע
שטאָט דאָ שטיין.

העק און זעגן,
האַמער, דלאָט —
דאָ אַנטקעגן
זאַמד — אַ שטאָט!

וויגט זיך, וויגט
דאָס ליד פון פרייד
און צעפליקט
די גליווער־קייט.

אָ, שפּאַן פּאָרויס און שפּאַן געזונט,
אָרקעסטער פון רעוואָלט און בונט!

יידיש: ש. זאַראַמבּ

יהודה קרני

כ׳ בין נישט עלנט

אָ, נייִן, איך בין נישט עלנט אינם פֿאָלק דעם גרויסן,
איך בין דאָ נישט אַליין.
כ׳גריס וואַרעם יעדן נייעם לעבן, יעדן נייעם ברויזן,
דעם טויט פֿון זקן צי פֿון זעלבסטמערדער – באַוויין.

איך וויל יעדן פֿרישן קנאָספּ אַנטקעגן,
און לאַשטשע יעדן מושעלע פֿאַרליבט...
איך בין מיט אַלץ וואָס לעבט — מיט מענטש און עקדיש אויף די וועגן,
און ווערן זיי פֿאַרטייעט – איז אויך מיין געמיט באַטריבט.

ס׳איז יעדער ברונעם אויסגעגראָבענער מיין גליק דאָס גרעסטע
און מיין טרויער – אַ טרוים צערונען ערגעץ־ווו – – –
און ווו אַ שטיקל ערד נאָר האַלט איך אין איין מעסטן –
אָ, וויפֿל וועלן דאָ פֿאַר זייער קאָפּ געפֿינען אָרט און רו?

יידיש: משה באַסאַק

י. קרני

טרייב די קי

או, טרייב די קי די צווייַ,
די מאָגערע אין זאַמד –
ס׳איז אונזער לאַנד אַזוי,
אַזוי איז אונזער לאַנד.

או, פיר דעם אַקער, פיר
אין האַרטן פעלז אַרום;
ער איז געבליבן דיר,
ווי אַלץ, אַ הייליקטום.

או, זיי דיין אָרעם ברייט,
די מענטש פון מי און פעלד.
דיין קינד וואַקסט אויף און בייט,
בייט ווייטער אויס דיין וועלט.

יידיש: ש. זאראמב

לוי בן אמתי

שניטער־ליד

אָט אַזוי אָ אַרבעט מען,
ווי מוראַשקעס, אַ טאָג אַ לאַנגן.
יעדער ברענט זיין סנאָפּ, ווי עומד אויפן קאַרק,
און אַ סטויג וואַקסט אין דער הויך ווי אַ באַרג —
די זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

אָט אַזוי האָרעוועט מען,
ווי מוראַשקעס, אַ טאָג אַ לאַנגן.
הלוואי, געבענטש מיט נאָכאַמאָל אַזוי פיל קראַפט,
מיט הימלס־טוי און פון דער ערד דעם זאַפט,
מיט זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

אָט אַזוי אָ בויען מיר,
ווי מוראַשקעס, אַ טאָג אַ לאַנגן.
אָ היט זשע, ברידער, תבואה־קלייבערס, זאַמלט אָן
אויף אַ שוואַרצן טאָג, ווען ס׳קומט דער שונא אָן
די זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

יידיש: ש. זאַראַמב

לוי בן-אמתי

בײַ דער ברית

איצט ווײַס איך שוין מײַן גרענעץ, ס׳ציט זיך גלײַך די ברית!
טרעט איבער שטיינער, איבער שפּיצען גײ!
און זאָל דער רעגן גיסן און זאָל די זון דיר ברענען,
דער מדבר-ווינט באַפאַלן מיט זײַן ווילד געשרײ.

פאַרנעם דעם קלאַפּ פון פערדן-טריט, דעם קלאַנג פון האַרטער ערד.
זע: הענט דעם אַקער האַלטן פעסט, געשפּאַנט.
אויך איבער מײַנע פּלײצעס, חבר פרד,
קנאַלט עמיצער מיט בײַטש מיט בײזער האַנט — —

שנײַד טיף זיך אײַן, דו אַקער! רײַס די פעלזן-ברודעס אויף!
דאָס לײַב פון ערד צעווײטיקטער אַנטבלויז אין זון וואָס ברענט — — — —
אָ גאָט, ווען וועסטו שוין מיט פאָטערלעכער האַנט
צעבראָכענע די ווונדן פון דער מוטער-ערד, אָ ווען?

ייִדיש: א. גרינשפּאַן

מרדכי טעמקין

תל-אביב

דו אָטעמטס לייכט אַזוי, מיזינקעלע פון שטעט,
די הימלען העלע נאָך און ווייט מיט ווייטקייט אָפן רעדט.
ווי מיידלעך אַ כאַליאַסטרע אין אַ יומטובדיקן טאָג,
געאָרעמט שמייכלען איצט אַנטקעגן מויערן אין ראָג.
אויף ווייסע פאָרשטעט און אויף פּלעצער דאָרט און דאָ
פּאַטשן האַמערס בראַוואָ: אין אַ מזלדיקער שעה!
נאָר פון די אָנגעוואָרפ׳נע מויערן און געסלעך ענג און שמאָל,
באַווייזט דער האַר פון שטאָט זיין פּנים שוין אַמאָל; —
ער גייט איצט אָנגעטאָן אין טונקל-גרויען צעמענט,
אין איינגעהאַלטענער אכזריות בוילן זיך די הענט.
און אָטאָ פאַלט שוין פון אַ לייטער, פון דער הויך, אַן אַרבעטס-מאַן —
דאָס האָט דער האַר פון שטאָט געטאָן, זיין האַנט — — —

יידיש: משה באַסאַק

יהודה קרני

געבעט פון אַ פּרוּי

באַהיט מיך, גאָט, פון אַ קאַלטן ווינט און בייזן רעגן
און פון יעדן שלעכטן פאַל
פאַר דער עופות-שטייג און גאָרטנס ווענט
און פאַר דער קו אין שטאַל.

און אויך דערפאַר, וואָס האָסט מיך אָנפאַרטרויט
— פון אַלטע טאַטע-מאַמע אַ שוואַכער צווייג —
אַרויסצוציען פון אָט דער ערד, דער מאָגערער און קאַרגער, ברויט
און אויך אַ פייג.

און ווייל איך האָב דאָ אַלץ פאַר ליב בענומען אין מיין וועלט,
און בין צו אַלעם גוטס און שלעכטס באַרייט;
און ווייל די בהמה שרייט, און מאָגער איז די תבואה אויפן פעלד
און איך בין אויף דער צייט.

יידיש ש. זאַראַמב

יהודה קרני

ט ר י ק ע נ י ש

אויב נישט אין מענטשנס נאָמען,
וואָס זיינע ביינער זענען אויסגעקוואַרט פון שמאַכטעניש צו דיר,
און זיין איינגעווייד איז ווי אַ קרוג אַ ליימענער געוואָרן
פון שרייען טאָג און נאַכט צו דיר, —
אָ, משיח איינציקער! —
אויב נישט אין מענטשנס נאָמען,
איז אין נאָמען פון אַ קו אַ מאָגער־ריפּיקע
מיט זייטן איינגעפאַלענע ווי לאָגלען ליידיקע
פונם רעווען אויפן באַרג צו דיר,
בעת עס ברענט דער קאַלד־אויוון פון מיטן־טאָג
אין הונגער־יאָר —
באַשווער איך דיך:
אָ, קום אַרויף פון טאָל
צו לאָז אַראָפּ זיך פונם שפּיץ פון באַרג
אַרומצונעמען דעם קאָפּ פון אַן אומשולדיק שעפעלע:
אָ ווייַ, בהמלע מיינס, איך בין מיט דיר.
און טראָג איר צו צו אַ פולן הויפן
היי פון זאַק
און לייג דאַן צו דעם אויער
צו איר בויך דער אָדערדיקער, —
וועסטו דערהערן,
אַז עס שרייט פון אינגעווייד אַרויס אַ מענטש פון איר,
אַ מענטש פון הונגער־יאָר — — —

ייִדיש: משה באַסאָק

יהודה קרני

אַ חמסין אין שומרון

ווי די דראַקאָנעס קריכן חמסינס היינט אַ גאַנצן אינדערפרי
פון וויסטעניש אַהער.
אין הימל שטייט די זון אין געלן פייערדיקן גלי,
און ס׳לעקט אַ שווערע לעכצעניש די שומרון־ערד.

ווי איין צעגליטער שטיין, ווי איין צעברענטע ווונד
הענגט כּרמל צווישן בלוי און בלוי: הימל — ים.
און ס׳וואַלגערן זיך די פעלזן דאָ — אַ מצורעשע געזינד —
אין זאַמד און פלאַם.

אַ שפּריק מיט פייער, אַ גאָס מיט הייס.
קאָמאַרעס און אָסעס פליען ראַש,
בייסן, רייסן בייז,
באַשיטן שומרונס ווונד מיט גליענדיקן אַש.

דאָס לעצטע גרעזעלע שטאַרבט אָפּ.
פון האַרטער ערד שטרעקט אַ פּאַלמע אויס נאָך רחמים אירע דאַרע הענט
צום חרמון מיט זיין שנייאיק ווייסן קאָפּ, —
נאָר ס׳שפּאָט זיין קילקייט שטיל און בלענדט.

די בלעטער אויסגעפּרעסן, דער קאָפּ פון הריק פאַרדאַרט,
צעביסן און צעקראַצט אויף טויט,
שטייט אַ באַנאַנע־בוים, אַ הייליקער און הוילער, וואַרט
הינטער אַ פּלויט.

דער באָקסער־בוים נאָגט נאָך זיינע טיפע וואָרצלען, נאָגט —
זיין פּנים אָבער איז שוין פינסטער אויך.
און אין דער שטומער בראַנד, גלאַנצנדיק ווי א שווארצע שלאַנג בייטאָג,
די באָקסער־פּיילן פאַלן פון דער הויך.

די דערפער שומרונס שטרעקן אויס די שטעגן אין דער זון
ווי צונגען פון אַ טרוקן און פאַרשרפהט מויל
דאָס בלויע וואַסער פונם ים אַ לעק צו טאָן —
נאָר ביטער איז דאָס ים־וואַסער — אַ גרויל!

אָ, קליינע שומרון, זיי געטרייסט!
זע: פון עמק שטייגט אַן אַלטער מאַן, פירט אַ יינגל טריט ביי טריט—
ער גייט, אויסקוקן פון כרמל, אפשר קומט אַ וואָלקן אָן — ווער ווייס,
און ברענגט אַ שטורם און אַ רעגן מיט.

יידיש: ש. זאראמב

א. ברוידעס

נישט אומזיסט...

מיר פשוטע בוזער פון יידישן לאַנד,
מיר שפּאַנען געהויבן אויף דאָרן און שטיין
און שלעפּן משאות
ווי קעמלען אין מדבר.
זע:
די יינגלשע פּליצע ווערט פעלזיק
און דאָס קינדערשע הענטל פאַראייזנט.
די שטיינער — מיר רייסן אַרויס זיי מיט דבקות
און רוישן מיט יובל פון מי אויף
די מדברשע שטילקייט.

נישט אומזיסט, גוטער ברודער,
ביסט אונזער שוויס זיך אין די דורשטיקע זאַמדן
און דער גוף ווי אַ פלאַקער
אין טעג פון חמסין.
מיר ווייסן:
נאָך אַ טאָג — און ס'וועט רוען די ברכה פון שניט דאָ
אין פאַרשאָלטענעם זומפּ;
דאָס ליד פון פעלאַך צעגיסט זיך
אויף יידישן פעלד
און אַ דופּטיקע בליונג פאַרשיכורט
דעם באַרג און דעם טאָל — — —

יידיש: משה באַסאַק

דוד שמעונאָוויטש

זיי שפּילן נישט אויף האַרפֿעס...

זיי שפּילן נישט אויף האַרפֿעס — נאָר זיי צימבלען אויף קלאַווירן,
זיי פֿאַרלאָזן זיך נישט אויפֿן שומרון-באַרג, נאָר אויף די שרונער פּרדסים;
ווי דאַמאָלסט אָבער איז אויך איצטער זייער האַרץ פֿון שטיין, און נישט צום רירן,
ווי דאַמאָלסט זייען זיי אויך איצטער ווייטיק נאָר און צאָרן הייסן.

נישט סיכּות איז דער מולך זייערער, נישט כּיון — מאַמאָן איז דער גאָט
דער איינציקער געבליבן.
זיי שיקן נישט קיין תּבֿואה — זיי טראַנספּאָרטירן אַפּעלסינען;
ווי דאַמאָלסט אָבער האָבן גאַזלעוואָיע זיי אין די פּאַלאַצן אָנגעקליבן,
און פֿאַר שיך אַ פּאָר, דעם ברודער ווען זיי פֿאַרקויפֿן — אַבי נאָר געלט פֿאַרדינען.

און נישט מיט אַשור שליסן זיי אַ בונד, נאָר מיט פֿרעמדע פּאָליצ־אַנטן,
נישט מיט די פֿיס צעטרעטן זיי די אָרעמע — ס׳איז דאָך נישט נבֿיא עמוס צייטן!
אויף קעמפֿער, מידע פֿון פֿיל ליידן, אויף העלדן אין א שטרייט אין אַ געשפּאַנטן,
מיט פּאָרקאָוועס פֿון בייזע פֿערד טרעטן זיי פֿאַרריסענע, פֿאַרשייטע - — —

טאָ לאָז אַרויס די דונערן, אָ נבֿיא! דער קרומער דור האָט זיי פֿאַרגעסן!
געשען איז דאָס, וואָס האָסט זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, דו מעכטיקער-נאַיווער:
עס בלאָזט אין שטאָט דער האָרן - און דאָס נאַריש פֿאָלק איז רויק זיך געזעסן,
אַ לייב ברומט מעכטיק - און ס׳פּאַסקודנע פֿאָלק איז אַלץ פֿאַרגלייווערט — — -

יידיש: משה באַסאַק

א. שליאָנסקי

דאָס ליד פון משמרת

א, פעלזיקע היימלאַנד, וואָס אַלע דיינע מייסטער
נישט האָבן געזונגען אין ליד דיר באַגייסטערט!
איין ליד נאָר נישט אויסגעקריצט האָבן זיי דיר,
דאָס ליד פון פיקעט פאַר פאַרהאַמערטער טיר.

אַ שטומער פיקעט קעגן האַנט פון פאַרשטויסער
ווי „מנאָ מנאָ" הענגט אויף דעם פּלאַקאַט דאָ פון דרויסן, –
דאָס איינציקע מויל, וואָס עס שרייט נאָכאַנאַנד:
„פאַרשטויסט נישט די יידישע אַרבעטער האַנט!"

ער איז דאָ דאָס מויל, וואָס די שטילקייט צערייסט ער
אַנטקעגן קולאַקעס –- משיח-פאַרשמייסער,
זייער גלויבן – געשעפט, זייער גאָט איז דאָס געלט,
דורכן לעכל פון גרוש נאָר זיי זעען די וועלט.

נאָר זיי, וואָס בוקן פאַר געלט זיך, די הערן,
זיי וועלן אוממעכטיקן צאָרן דערהערן?
פאַרנעמען דעם ווייַ פון פאַרפויסטיקטן האַרץ,
פון שטומען פיקעט פאַר דער טיר וואָס פאַרשפּאַרט?

ס'איז שטיל און ס'איז הייס. אַ משמרת אַ שטומע.
נאָר ס'וואָרט פון פּלאַקאַט אַראָפּ שטראָפנדיק דונערט,
דער שאַנד-סלופּ פאַר די וואָס צערייסן דעם באַנד:
„פאַרדאַמט דיין אַרויסשטויסער, יידישע האַנט!"

יידיש: ש. זאראמב

ש. שלום

מען זעט ביינאַכט

שטיל-שטיל, לבנה, פּאַמעלעך, ווי דו שווימסט — מיר זייען ביי דיין ליכט. מיר פאַר־זייען די פעלדער פון גליל.

ס׳זענען אויף אונז אויפגעשטאַנען פיינט פון אַלע זייטן, און אונז האָבן זיך מענטשלעכע פאַרלאַנגען צעוואָיעט — זענען מיר אַרויס זייען ביינאַכט.

ווייל בלויז זייען ווילן מיר — מיר קוקן אויס נאָך גערעטעניש. —

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, לבנה.

צעשניטענע, אָפענע ליגן די פעלדער פון גליל. טייער און הייליק איז די זריעה. מיר דאַרפן דיין ליכט. דיין ליכט דאַרפן מיר האָבן.

ליכט — און לאָמיר זען קלאָר אונזער וועג, זאָלן זיי אונז נישט דערזען.

זאָל געראָטן דאָס געזיי — און זאָלן די מוטוויליקע דאָס נישט פאַרדאַרבן.

לאָז וואַקסן אונזער תבואה, די ביינאַכט-פאַרזייטע. ווייל די זון האָט אונז פאַראַטן און די טעג געהערן דעם אומקום. — — —

פּאַמעלעך, לבנה, פּאַמעלעך. שרעק זיך נישט פאַר אונזערע שאָטנס. מיר זענען יידן, וואָס זייען זייערע פעלדער ביינאַכט.

מיר לאָזן קיין פּיפּס נישט אַרויס.

אונזערע פערד באַרירן נישט די ערד.

די רעדער גייען אויף טעפּיכער.

שטיל, שטיל, גייען מיר אַרום — און די בערג קוקן אונז אָן פאַרוווּנדערט.

פאַרשטיי־זשע דו אונזער זאַך, און גיב אונז נישט איבער דער רויב.

באַהיט אונז פון אַ בלאָנדזשענדער קויל, פון אַ מעסער פון לויער.

היט אונז אָפּ פון מלחמה־יובל, פון בלוט פאַרגאָסענעם אויף בייטן.

היט אָפּ דאָס פּאַרזייטע פעלד פון רויב און פון טריקעניש.
זאָלן האָבן אונזערע קינדער זאַט צום עסן, זאָלן זיי אונז צום גוטן דערמאָנען.
ווייל פאַר זיי זייען מיר ביינאַכט און צוליב זיי אײַלן זיך אונזערע טריט.
ווייל יידן זענען מיר, וועלכע זייען ביינאַכט.
שאַ, פּאַמעלעך, לבנה, פּאַמעלעך.

יידיש: משה באַסאָק

א. בּרוידעס

א בּריוו

צו מיינע פריינט אין ווייטן, שטרעק איך אויס מיין האַנט,
איך וועל היינט אָנשרייבן צו זיי אַ הארבן בּריוו.
די בּיטערע וואָר פון אונזער קליין און אָפּגעריסן לאַנד
וועל איך מיט ווערטער פּשוטע איצט שעפּן פון דער טיף.

אַז איר אַרויסמאַרשירן מאָרגן וועט בּיינאַנד,
צעזונגענע אין ווייטן וועג זיך לאָזן גיין, —
בּעדענקט, אַז דאָ ווערט מען אין שווערער פּראַצע איינגעשפּאַנט,
די ערד בּאַפרייַ'ן פון בּלאָטע און פון שטיין.

דאָ מוזט איר זיין צום ליידן גרייט, צום שטענדיקן זיך מי'ן,
נישט קומען בּורטשענדיק דערנאָך אַנטוישט און וויסט,
און ווויכען וועט איר אין אַ בּיידל ווי אַ פּאַסטוך־בּעדואין,
און קראָפּעווע וועט שמעקן אייך ווי האָניק זיס.

אַזוי וועט איר בּאַהעפטן זיך מיט גרודעס האַרטער ערד,
פּאַרזייען ליבּשאַפט דאָ אין מדבּר־זאַמד,
מען דאַרף אין חמסין־היץ פּאַרגעסן אָן דער פּראַכט פון פרעמד
און ווערן נאָר אַ פונק פון גרויסן פלאַם.

מיט פרייד וועט איר דעם כּביש אויסלייגן דאָ דורך בּאַרג און טאָל,
פּאַרלויפן די בּעפּאַר, וואָס לויערט אונז אין קאַרק.
איך זאָג: אין ווי, אין טרויער ווערט מען לויטער ווי קריסטאָל,
אין זון אין בּליענדיקער וועט איר ווערן שטאַרק.

עס איז דאָס לעבן אונזערס שווער ווי פעלזן פון באַזאַלט,
אַ קריזיס און באַליידיקונג און שאַנד.
נאָר שטאָלץ — געפינען מיר דעם צוגערויבטן אידעאַל —
די חורבות ריכטן אויף מיר מיט אייפעריקער האַנט.

יידיש: ש. זאַראַמב

א. שליאָנסקי

ביז אהער

איך בין דערגאַנגען ביז אַהער – ווי בינד דעם שוד-שנירל איך אָפּ ?
דעם גאָלד פון ווייטע וועגן ווי אַזוי זאָל אָפּטרייסלען מיין טראָט ? —
שווער־אויסגעשטערנט האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף מיין קאָפּ
דער גרויסער באָט.

ער איז דאָך אַזוי הויך — האָב איך געטראַכט אַמאָל —
ווי וועט מיין האַנט דערלאַנגען אַ שטערן אָפּרייסן אַ צייטיקן ? —
גלבוע ! — שעפּטשעט ווי אַ שם־המפורש היינט מיין קול
און דער בוים פון נאַכט וואַרפט אָפּ, ווי פרוכט, שטערן אין דער ווייטקייט.

ווי אַ קעמל אָן דער משא, באַפרייט פון קאַראַוואַן,
ביי דיר, מיין האַר, צופוסנס לאָז מיך ליגן.
זינגט מיר אויף דאָס ליד : „שיין זענען די נעכט פון כנען"
ווי אַ שבתדיקן ניגון.

זינגט מיר אויף דעם ליד, איכל אָנשרייבן דער מאַמען :
„וויין נישט ביי דער נאַכט. ס'איז גוט דיין זון דעם בלייכן.
גוט אים ווי אַמאָל, ווען ביי זיין וויגעלע איז מאַמעלע געשטאַנען,
געזונגען פון אַ ציגעלע אַ ווייטער — און געשמייכלט.

גוט איז אים ווי דאַמאָלסט, ווען געלערנט האָט אים טאַטע
קמץ־אַלף—אָ, און אים געקושט אין שטערן.
– אוי, אַ מלאך האָט אַ קאָפּיקע געוואָרפן אויף צעראַטע –
און מאַמעלע פון נחת פלעגט צעשטראַלט דאַן ווערן.

מײַן טאַטעניו אין הימל אויף מיר אַראָפּגעבויגן,
קושט ווי דאַן אין שטערן און טײַטלט מיר: אַ-בּאָ.
דײַן זון וועט תּמיד זײַן אַ קינד מיט העלע אויגן
מיט אײביקן קמץ-אַלף — אָ.

און תּמיד וועט דער מלאך וואַרפֿן אים פֿון אויבן
די שטערן פֿון דער נאַכט ווי רײַפֿע פֿרוכט,
און תּמיד וועט ער וואַנדערן, פֿון פֿוס נישט אָפּטרייסלען די שטויבן,
נישט אויפֿגעפֿינען זײַן שוך — — —

ייִדיש: ב. מרדכי

ש. שלום

וווּנדער טרינק מײַן האַרץ

וווּנדער טרינק מײַן האַרץ, מײַן האַרץ טרינק וווּנדער־פֿרייד,
טאָג צו טאָג דערלאַנגט, נאַכט צו נאַכט דערגרייט.
וואַרף פֿון זיך לבוש, פֿאַרטויך אין שאָרך און וויר,
אַנטפּלעקונג יעדעס בילד, ווידזיע יעדער ריר.

בײַ אײן וועג, מײַן האַרץ, אָ בײַ אײן גאַנג,
דאָרט ווו מענטש איז באָט און טאַנצן טאַנצט דער צוואַנג.
און ווו די רוסט זיך אָפּ און ווו די שטעלסט אַ טראָט,
שפּאַנט מיט דיר דער גײַסט, רוט מיט דיר דער סוד.

ליד, מאַך־אויף מײַן האַרץ, דאָס ליד מאַך אויף,
צום ליכט, וואָס האָט קײן ברעג, צו שײַנקײט אָן אַ סוף,
הויב אויף דעם כּוס און טרינק צום טרויער, צו דער פֿרייד,
יובֿל פֿאַרן לעבן און יובֿל פֿאַרן טויט.

יידיש: ש. זאַראַמב

אנדאַ פינקערפעלד

*   *
*

עס שלאָגט פון מיר דאָס גרינס,
ווי פון אַ בוים אַ יונגן.
מיינע פרישע בלעטער זינגען אָן פאַרוואָס, אָט סתם.

איך גיב זיך אָפּ מיין לעבן, אַן איינפאַכע, אַ גראָדע
און זאָל מיין לעבן מיך צעזינגען
ווי ווינט צעזינגט די יונגע בלעטער – – –

איך בין געטריי מיין לעבן,
ווי געטריי דעם ווינט די בלעטער זיינען,
און וויגן זיך און הוידן זיך מיט זיין געזאַנג – – –

איך בין אַ בוים, אַן ערלעכער און נישט קיין חכם;
און גוט איז מיר אין ליד פון לעבן מיינעם – – –

יידיש: משה באסאק

י. בת־מרים

ווי פסוקים די טעג...

ווי פסוקים די טעג, למנצחס פּאַרצייטיקע,
די נעכט—ווי דער „סלה״, וואָס קלאַפּט צו צום סטראָף.
זיי גיסן צונויף אין אַ ליד זיך צום מזרח
און שפּינען זיך, ציען אַזוי אָן אַ סוף.

ווי פאַסטוך־געצעלטן די הימל־יריעות,
אָט פאַלט איצט דער שאָטן אויף משהן ביינאַכט.
די אָוונטן בלויע – ווי קרוגן פון כנענערינס,
ווי גאָלדענער האַלז־באַנד – לבנה ביינאַכט.

איך הער איצט כסדר מיין נאָמען, וואָס האָט זיך
אויף וואַסערן שוואַרצע געוויגט אַמאָל שטיל.
מיין פּנים איז שוואַרץ, אַן אָפּשפּיגלונג ווייטע,
וואָס ציטערט פון דורות פאַרטראָגן אין ניל.

אָט וועל איך, מיר דוכט זיך, מיין אָרעם פאַרוואַרפן,
צעטאַנצן מיט האַרף און מיט פרייד מיינע טריט.
צעוויגט זיך, צעפלאַקערט און ס׳ענטפערט מיר אָפּעט
דאָס ים־ליד פאַרצייטיקס אין פאַרמעט פאַרהיט.

יידיש: ש. זאַראַמבּ

לוי בן-אמתי

א י ן ק ב ו צ ה

אַ גאַנצן טאָג שאַר איך די קופּעס מיט מיסט
פון אונטער די פיס פון די קי.
טרייב אונטער דעם פערד און זיך אינם אַקער,
און קנעט איין דעם ליים צו פאַריכטן די קיך.

מיין גורל איז אָרעם און שטיל אין דער וועלט:
מיט האָלץ-העקער, וואַסער-טרעגער אין האַמעטנעם טראָט.
כ'בין אַן אומבאַקאַנטער, ווי איינער פון יענע גבעונים,
די אייביקע קנעכט אין דער הייליקער שטאָט — —

און פאַלט צו דער אָוונט — דאַן וואַש איך מיין גוף,
טו אָן אים אין העלן, זויבער און פריש.
פון לחם-הפנים צו נעמען מיין טייל
גיי איך, ווי אַ כהן מיט כהנים, צום טיש — —

איך בין ווי אַ לוי דאָ צווישן לויים,
מיר הויבן אין הייליקייט אויף אַ געזאַנג.
אַ לויב און אַ דאַנק פאַרן פרוכטבאַרן מיסט,
פאַרן שטיקעלע ברויט און דער תפילה — אַ דאַנק.

יידיש: ש. זאַראַמב

לוי בן-אמתי

שבת אין קבוצה

די מאַמע שבת צינדט שוין אָן די ליכטיקייט אויף טיש.
מיט האַנט פאַרבאָרגענער אַ העלע ווייסקייט שפּרייט.
פון אַלע טעג פון מי קלייבט זי די קינדער אויף צו רו,
צו פאַמיליען-ברויט.

אַ העלע ליכט איז אויסגעוואַקסן אויפן טיש,
אויף פּנימער אויף אָפּגעברענטע און אויף הענט.
עס בליאַסקען די חלוצות אויף אַקסל און אויף ברוסט
ווי טלית אויפן טאַטן ערבעך-ווי און ווען — — —

איינגעהילט האָט נאַכט דעם ווינקל דאָ אין גליל.
ווו איז זי די כנרת? ווו זענען איצט די בערג?
ס'ברויזט דער ירדן צווישן פעלזן — און ס'ענטפערט אים
דער ווינט אין פעלד — —

עס טוט אַ בליאַסק אַ בילד פון צייט אַמאָליקער:
אַ פאַסטעך-פאָלק. און פראַכט פון פייערטעג. און פאַמיליען-אָפּפער.
און ס'גיט דאָס האַרץ אַ נאָג, אָן איסיים דעמאָנענדיק זיך
די הייליקע, וואָס טובלען זיך מיט לויטערן פאַרטאָג — — —

אַ זויבער ליכט איז אויסגעוואַקסן אויפן טיש.
ווי פון אַ קרבן אָטעמט וואַרעמקייט פון חברס אָנריר.
אַ שאָטן פלאַטערט און ס'שוועבן אום די ווייסע הענט
פון מאַמע שבת — —

מאַמע שבת! פאַרנעם דאָס דאַוונען פון די הערצער,
דעם שטאַמל פון די שטומע ליפּן.
עס דורשט זיי דאָך נאָך תּפֿלה. שפּרייט אויס די הענט איבערן ברויט
און בענטש זיי רו און פרידן — — —

מאַמע שבת! די דערמוטיק האַנט און גייסט,
און פרייד זאָל רוען דאָ צווישן די, וואָס גייען אויס נאָך ברודערשאַפט.
און קיינער נישט געמינערט ווערן זאָל פון זיי, זיצנדיק אַזוי ווי ברידער,
צום סוף פון טעג און צייט — — —

יידיש: משה באסאק

אנדאַ פינקערפעלד

אַ דאַנק אײַך...

צו דגניה

אַ דאַנק אײַך פאַר אײַערע אויגן,
וואָס דורשטן, פאַרליבטע, נאָך מיר.
פאַר אײַערע דלאָניעס אַ דאַנק,
וואָס שיסלען זיך אויס
צו נעמען פון מיר מײַן געשאַנק — — —

איך שטיל אײַער דורשט איין מאָל און אַ צווייטן, אַ דריטן,
און פריש זיך אַליין אָפּ מיט אײַך.
ווײַל אײַערע בין איך,
פאַר אײַך אויף דער וועלט בין געקומען,
די טעג פון מײַן לעבן — פאַר אײַך.
נעמט, אָ נעמט פון מיר אַלץ,
שעפּט פולע טעג!
ס'איז אַזוי ווײַל מיר פון אײַערע הענט,
און פלאַטער אין בונטן, אין אײגענעם, בליק.
טרינקט, מײַנע ליבע, טרינקט, אָ געליבטע,
ווײַל אײַערע בין איך ווי אַ קוואַל — — —

אָן אײַך בין איך עלנט
ווי אַן אײַנזאַמער טרוקענער בוים אינם סטעפּ — — —

יידיש: משה באַסאַק

י. בת-מרים

איז אַ ווייַנגאָרטן ס׳האַרץ מיינס...

איז אַ ווייַנגאָרטן ס׳האַרץ מיינס – מיין וווייטיק אַ וויינשטאָק,
וו׳אַ וויינשטאָק מיין וווייטיק, און העגגלעך – די רייד.
אַ ווייַנגאָרטן בין איך, ווי ווייַן איז דאָס ליד מיינס,
איך גיס אים מיט ציטריקער האַנט שטילערהייט.

אויבּ לענדער ווי שטערנס — איז מיין לאַנד די זון גלייך,
מיין לאַנד איז אַ ליד און די גרענעץ אַ ריים.
אַזוי ריימט פון אייביק אַ פאָלק זיינע גרענעצן,
עס זאָל אים דאָס לאַנד זיין אַ רו און אַ היים.

דער כּרמל און שרון, כּנרת און ירדן –
זיי בליען דאָס האַרץ ווי די רייד פון תּנ״ך.
ווי יזרעאל=פעלדער, וואָס איך האָב בּעזייעט
איז זיס דאָס געדעכעניש זייערס און וואַך.

איך מעסט מיט מיין וואָרט זיי, פאַרפלאַנץ זיי אין ליד מיינס,
ס׳זאָל רוען מיין היימלאַנד מיט בּרכה אין זיי.
און ווי דער לבנון זאָל אויפבּיין דער דמיון,
וו׳אַ ווייַנגאָרטן בּליען בּיי אים זאָל מיין ווייי.

יידיש ש. זאַראַמבּ

ח. נ. ביאַליק

צו די שפּיה׳ער טעכטער

אויב איר האַלט נאָך גוט די לייצעס,
נישט געשלאָגן אויף דער דעה, —
הערט, חלוצים, אויס מיין עצה:
נעמט דאָס פּעקל אויף דער פּלייצע
און מאַרשירט אַוועק קיין שפּיה.

דאָרט פאַראַן איז אַ זאַגאַיק,
אַן אַלטאַנקעלע אַ טייערס.
און וואָס נאָך איז דאָ אין שפּיה
אַ שטיקל פייער, האַלבער שייער
און אַ קוואַל וואָס קריכט אין אַייר,
אויפן באַרג אַ בוים אָן חיות,
בחורים אויף אַ כזית, —
אָבער מיידלעך דאָרט — אַ מאה.

ס׳דערפל שפּיה ווייט פון שטאָט איז,
דאָך נישט ווייניק וווּנדער האָט עס.
אַ טויבע ציג, אַ האָן וואָס קרייען
האָט פאַרגעסן, אַ לאָמער קאָטער,
נאָר איבער אַלץ — די טעכטער שפּיה׳ס.

נישט קיין טעכטער — שטילע טויבן.
אויבן? ניין, איך זאָג דיר: טרויבן
ווינקען צו דיר נאָך דער רייע;

שלאָף נישט, בחור, גאָפ נישט אויבן,
גיי נישט לער אַרויס פון שפּיה.

ציגן־ווילד, אַן מאַמע טאַטע,
צווישן בערג און פעלזן גלאַטע,
וואַקסן זיי די טעכטער שפּיה׳ס.
שוועסטער — חיות, פייגל־טשאַטעס,
ברידער — שטערן, הימל־גייער.

קענערקעס אין שטאָט פּאַראַנען,
נאָר, ווי קומען זיי צו שפּיה׳ער!
כ׳זאָג אייך: בריה׳ס, פייער־פלאַמען,
רעדן דיר מיט בוימער־שטאַמען
און די שפּראַך פון פעלד פאַרשטייען.

קומט דער שבת דאָ צושפּאַנען
[illegible] ויף די טעכטער שפּיה׳ס
מיט צוויי הונדערט אויגן־פלאַמען.
וואָלט דער נביא דאָ געשטאַנען —
וואָלט פאַרהיילט ער זיינע ווייען.

זיי געבענטשט, דו אָוונט־שטערן,
קילע שבת־נאַכט אין שפּיה!
קום, וויש אָפּ דעם שווייס פון שטערן —
און אַ זינגען לאָזט זיך הערן,
און אַ טאַנץ ביז האָן נעמט קרייען.

טרעפסט אַ שפּיה׳ער ווו באַהאַלטן
מיט אַ קרוג ביים פלויט, ביים שייער,

קמט

זע אָן הענט, דו זאָלסט זיך האַלטן,
זי קען דעם קאָפּ מיט קרוג דיר שפּאַלטן –
פֿאַרזיכטיק זײַ מיט אַ שפּיהער.

האָט זי נושא חן געווען?
ווער? צפּורה, חנה, לאה?
וואָזשע מאַכסטו דאָ אַ וועזן?
נעם און גײ מיט איר צום בית־דין,
ווער אַן אײדעם דאָ אַ שפּיה׳ר.

נאָר אָך און־וויי איז יענעם באַפּער,
קערט זיך אום פֿון וועלדל שפּיהס
מיט אַ נאָז אַזוי בגפֿו
טראָגט קײן פֿאַנג נישט אין די לאַפּעס –
נישט קײן ציג, קײן קאַלב, קײן פֿייע!

און ווײ צו יענעם פֿייגל טמא׳ן,
וואָס פֿאַרשעמט אַ טאָכטער שפּיהס.
וועסט שוין נישט קײן ווײַב באַקומען,
„גײ" – וועט מען דיר זאָגן – קרומער –
דאָ הער אויף דעם קאָפּ צו דרייען" – – –

יידיש: ש. זאַראַמב

ר ח ל

פון תמיד בין איך...

פון תמיד בין איך אַ פאַרקערטע:
געפילן, אין סאַמע דעם בליען,
ווי בלעטער אין האַרבסט פאַלן אָפּעט,
פאַרטראָגן אין ווינט און צעפליען.

נאָר דו, מאַמע ערד, ביסט מיר שטענדיק,
איך האָב דיך נישט קיינמאָל פאַרגעסן.
אין עלנטע טעג, טעג פון צאָרן,
צו אין טרייסטנדע גוטע מעת-לעתן.

ווי דאַן, אין דער ליכטיקער קינדהייט,
ביסטו מיר אין האַרץ איינגעבאַקן.
כ׳דריק צו צו דיין באַק דער פאַרברענטער
מיינע בלייכע און מיידלשע באַקן.

יידיש: ש. זאַראַמב

ר ח ל

רויִק גליק

זוניק בערגל,
איך און דו,
און אין הארצן
גליק פון רו.

האַלבע פאַרבן, האַלבער קלאַנג,
קיין גערייד און קיין פאַרלאַנג!
גלעט אין רו
מיינע האָר,
זע און הער
און ווער געוואָר:
איך און דו
גליק פון רו,
היילונג נאָר.

יידיש: ז. דובאשאוו

ר ח ל

ע ק ר ה

אַ זונעלע וויל איך! אַ יינגעלע קלייִן,
מיט שוואַרצינקע לאָקן, מיט שכל און חן,
אים האַלטן ביים הענטל, פּאַוואָלינקע פירן
אין גערטל שפּאַצירן.
אַ קינדעלע.
קלייִן.

כ׳וועל רופן אים „אורי". אורי׳לע מייִן.
לויטער דער נאָמען דער קורצער און פיין —
אַ טראָפּן פון שייִן.
דער נאָמען פון שוואַרצינקן יינגעלע מייִן —
„אורי"!
וועט זייִן.

כ׳וועל אים דערוואַרטן ווי רחל די מאַמע,
ווי חנה אין שילה אים אויסבעטן שטום,
וואַרטן און בעטן:
קום!

יידיש: ז. דובאַשאוו

ר ח ל

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל אַ נאָמען

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל אַ נאָמען,
אַן אָנדענק צו פֿאַרבינדן.
עס איז אומעטיק אַזוי אינגאַנצן צו פֿאַרשווינדן.

מיין יתומל, מיין שיר,
וואָס האָט פֿאַרשטומט פֿאַרנאַכט מיט מיר,
וועט זי ווייטער זינגען, שפּינען אינדערפֿרי.

אָט מיין פּעדימל פֿון זייד
וועט זיך שפּינען צו איר קינד און קינדס קינד
ווייט, ווייט, ווייט.

יידיש: ז. דובאַשאָוו

רחל

נעכטיקע טעג...

ס'איז דער טאָג נאָך נישט טויט, ס'איז דער הימל נאָך רויט,
אַ פֿאַרנאַכטיקער אומעט אויף אַלץ זיך צעשפּרייט.
פֿאַר מעשה'לעך שיינע די ריכטיקסטע צייט:
„אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע ווייט...

אַמאָל איז געווען אַ מיידל אַ בריה,
געאַיילט נאָכן אַקער, די האַנט פֿול מיט זריעה.
נישטאָ שוין די צייטן. די וועגן צום פֿעלד
האָט דער גורל פֿאַרשטעלט...

האָט דער גורל פֿאַרשטעלט, נאָך אַ ווייל און ס'איז אויס.
פֿון אַלע פֿיר זייטן אַ שטורם ברעכט אויס..."
הער אויף שוין צו אומעטן, זאָל נעמען אַ ברעג
צו מעשה'לעך שיינע פֿון נעכטיקע טעג.

יידיש: ז. דובאַשאַוו

ר ח ל

ג ע ש אַ נ ק

קלייב איך אָפּ ווי וויינשטאָק
מיינע רעשט־באַגערן,
אַ געשאַנק דיר שיקן
פון מיין האַרצנס שיר —
וואָס דער שווערער טרויער
האָט נישט אויסגעראָטן,
וואָס חמסין האָט נאָך נישט
אויסגעלערט פון מיר . . .

בעט איך אויס דאָס קוישל
מיט כנרת־פריידן:
ראָזע אינדערפריען
אויפן שפּיץ פון בוים,
בינגאָלד פון בייטאָגן
אויף די אָפנע פעלדער
און סירען פון אָוונט
אויפן גולן־זוים;
נאַכט לבנה׳דיקע
אויפן וואַסער־שפּיגל,
פּונם גליק דער יובל
ווען ס׳איז גרויסער טאָג,
כ׳בינד מיט אים אַרום,
ווי מיט אַ שנור, דאָס קוישל,
שיק עס דיר אַריבער —
פּרייסט זיך, ליבער, זאָג ?

יידיש: משה באַסאַק

ר ח ל

וו אָ ר ט

איך האָב שוין געהערט שיינע רייד אַלערהאַנט,
מליצות – אַ באַרג,
וואָס גייען אַרום מיט פּאַרריסענעם קאַרק,
שטאָלץ, עלעגאַנט.

צום האַרץ אָבער איז מיר דאָס וואָרט וואָס גייט אוּם
באַשיידן, ביי דר׳ערד;
איך האָב שוין אַ סך שיינע ווערטער געהערט,
דערפאַר בין איך שטום.

צי ווייסטו פאַרנעמען פון שטומקייט אַרויס
מיין שעפּטשענדיק וואָרט?
געפינט ער ביי דיר, ווי ביים ברודער, אַן אָרט,
ווי ביי מוטער אין שויס?

יידיש: ש. זאַראַמב

רחל

באַרג־לופֿט

די שרעק, די פֿיינלעכע, טאָמער וועלן מיר פֿאַרשווערכן
דעם אָנדענק פֿון אַ זעליקן געפֿיל
מיט אַ ריר אַ נישט קיין צאַרטן, מיט אַ נישט קיין ליכטיק בליק,
צי מיט אַ וואָרט וואָס איז בענוּג נישט שטיל — — —

פֿאַרשטעלן לאָמיר־זשע דעם נעכטן! אָן אים האַלט אָן זיך דאָך
דער היינט; און ברעכט ער איין זיך שטאַרק –
איז ווי די בערג טוריסטן אָן דעם שטריק דעם איינציקן:
אין טיפֿן תּהום אַראָפּ צי אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג -- - —

אין בונד פֿון שטייגן – דאָס מענטשלעכע לעבן –
זענען – ברידער, שוועסטער – מיר פֿאַרקנסט — —
טאָ לאָמיר אָטעמען די לופֿט פֿון הויכן
דעם קאָפּ געהויבן, פֿריילעך, ווי עס פּאַסט — — —

יידיש: משה באסאק

בּאַלאַגערוּנג

*

— אויף דער וואך זענען זיי געשטאַנען, אויף דער וואך פון לעבן זענען זיי געשטאַנען, דער אַלטער און דאָס קינד, באַקרוינטע מיט דערנער. די זון האָט געשיינט ווי פאַרן רעגן. די וועלט איז געווען אַ דאָרנדיקע. דער גאַנצער חשבון איז נאָך נישט פאַרענדיקט — — —

(„מכאן ומכאן״)

י. ח. בּרענער

ש. טשערניכאָווסקי

אויף דער וואַך

אויך די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
און אין האַנט — וואָס סע קומט,
און אין האַנט וואָס זיך מאַכט: —
אַ שטעקן, אַ רידל,
אַ קאָסע פון פעלד,
אויף דער וואַך איצט אַרויס
אין דער נאַכטיקער קעלט.
איז וואָס, אַז דער דופק
קלאַפּט הייס און קלאַפּט שטאַרק,
איז וואָס, אַז דער מדבר
שטייט הינטער דעם באַרג! —

אויך די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
פאַרן טאַטן וואָס אַלט,
פאַר דער מאַמען וואָס שוואַך,
וואָס מיט אַלץ און מיט אַלעם
זענען מקדש השם:
שטיל געגעבן דער טאָכטער
די ברכה פון קלעם,
און דעם זון שטיל געפירט
צו דער שלאַכט, שטיל באַגלייט —

צו דער שלאַכט מיטן מדבר
וואָס האָט דאָ זיך פאַרשפּרייט.

אויך די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
צוליב יונגינקן פלאַנץ
וואָס ערשט איצט האָט דערוואַכט,
און דעם גאָרטן צוליב,
וואָס צעעפנט קוים-קוים,
אַ צעבליטער, די אויגן
פון קנאָספּישן טרוים,
און דער תבואה צוליב,
וואָס אַ גאָלדענע שטייט, —
אויפן טראַקטאָר זי וואַרט,
פאַרן שייער געגרייט — — —

אויך די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
פאַר דער בהמה אין שטאַל
וואָס פאַרטייעט, פאַרשמאַכט,
פאַר דער בהמה אין שטאַל,
וואָס אַרבעט אין פעלד,
גלייך ווי מיר און מיט אונז
ביז דער אָטעם פאַרפעלט,
וואָס באַגיסט מיט איר שווייס,
גלייך ווי מיר, אָט דעם בייט —
פון דער ערד אַרויסציען
אַ שטיקעלע ברויט — — —

אויך די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
פאַר אַ רויקער היים,
פאַר אַ שטוב מיט אַ דאַך
שטייען מיר דאָ אַליין,
מאַכן נעכט מיר ווי טעג,
ווי די סאַברעס — פאַרביסן,
ווי די סאַברעס אויף וועג,
און אין האַנט — וואָס זיך מאַכט,
וואָס עס קומט נאָר געשווינדט —
פאַר דער קינדער-היים וועגן
און וואָס איז איר — פאַרן קינד — — —

יידיש: משה באסאק

דוד שמעונאָוויטש

דער יידישער שאָפער

ראָ שאָסייען, נישט שאָסייען,
רעגנס גייען, שטורעמס ווייען,
דער וועג איז גרינג, דער וועג איז שווער,
פאָר און פיר, דו יידישער שאָפער.

פיר אין בערג און פיר אין טאָל,
דער שליאַך איז ברייט, דער שטעג איז שמאָל,
צילט זיין ביקס דאָרט ערגעץ ווער, —
דו פאָר ווייטער, יידישער שאָפער.

בליען פעלדער אויף די וועגן,
ברענען פעלדער דיר אַנטקעגן,
נישט קיין קרים און נישט קיין טרער, —
ווייטער פיר, דו יידישער שאָפער.

פון חולה־באַרג ביז טאָל פון סדום
פיר אַ טרייסט פון היים צו היים,
טרייסט און מונטער און באַשווער —
פאָר און פיר, דו יידישער שאָפער.

פייפט אַ קויל דאָרט פון דערביי ?
דו ביים רודער בלייבסט געטריי.
ביז דער שבת קומט אַהער
פאָר און פיר, דו יידישער שאָפער.

יידיש: ז. דובאַשאַוו

מ. ז. וואָלפאָווסקי

די וואַסער־גרעבער

ס׳קען די בייזע פלישתים־שנאה
די וואַסער־גרעבער נישט פאַרגינען,
נאָר די גרעבער שטיל באַנאַנד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

ברונעם, לאָז דיין וואַסער שטראַלן,
עפן ווידער דיינע קוואַלן,
וואַרף פון קוואַל אָפ שטיין און זאַמד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

אַ מעת־לעת אַ גאַנצן האָבן
בראַווע יאַטן פעסט געגראָבן
מיט מכשירים אַלערהאַנד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

יונגוואַרג רייסט מיט העק אַפּולע
און דער לאָמער מיט דער קוליע,
ווער מיט רידל. ווער מיט האַנט:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

און באַגינען, ליכט פאַרפלעפט זיי,
מויל פון קוואַל איז אויפגעעפנט,
יצחק לאָזט אַראָפ די קאַן:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

קוואַל פֿון פֿרייד, דו זיסער ברונעם,
ס׳וועט פֿאַר דיר דאָס בייז אַנטרונען!
טו דיין גנאָד נישט אָן קיין שאַנד
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

יידיש: ש. זאַראָמב

מ. ז. וואָלוואָפסקי

שלומס טעכטער

ועל ידו החזיק שלום בן הלוחש —
הוא ובנותיו (נחמיה

ס'קלאַפּט דאָס מילכל, ס'שלאָגט אַ שיין,
ווער קען אין מיטן נאַכט דאָס זיין?
ס'זענען שלומס טעכטער אויף,
פאָרען זיך אַרום אין הויף.

שלומס טעכטער, מויד און מויד,
אויפגעשטאַנען באַקן ברויט,
שעפּן וואַסער פונם קוואַל,
אָנקאָרמען דאָס פּי אין שטאַל.

ס'שלאָגט אַ שיין, ס'קלאַפּט די מיל —
אַרבעט אויפ'ן טאָג איז פיל:
מיטן טאַטן, כּעלות,
מוז מען אויפן וואַל אַרויס.

טענהן נעכטן צו אים הויס:
ס'איז אַ צייט פון קאַמף און טרייסט.
איז קיין זון דיר נישט באַשערט,
נעם זשע, פאָטער, אונז צום ווערק.

זאָג נישט: ס'ווערלן לאַכן לייט,
שאַנד צו שטיין איז אָן אַ זייט.

זינגען וועט אַמאָל דאָס ליד:
„שלומס טעכטער אינדערמיט!"

שווימט לבנה אין איר קרייז
און דער טוי פון גאַס איז ווייס...
„טעכטערס טענה האָט אַ זין, —
טראַכט שלום אין דעם באַגין —

עס איז אַ צייט אַזאַ, אָ גאָט,
און דער שונא ברענט און בראָט".
— — — גרייט זענען צום קאַמף און רום
די שיינע טעכטער פון שלום.

יידיש: ש. זאַראַמב

ש. שלום

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער...

אויפן קבר פון אַ יידישן וועכטער.

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער.
פאַרן תהום פון בלוט דעם אויפגעפראַלטן
ביזטו געשטאַנען, אומבאַקאַנטער, וואַך געהאַלטן —
זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער...

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער,
דערפאַר, וואָס דו ביזט נישט באַשאַפן צו אַנטלויפן,
דערפאַר—ביזט נישט געוווינט דיין זיג פאַר מאָרד צו קויפן—
זיי האָבן דיך געטויט. מיין ברודער!

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער,
דעם אמת, די גערעכטיקייט מיט דיר אינאיינעם.
אַזוי ווי'אַ קינד, אַ לויטערן, אַ הייליקן און ריינעם —
זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער!

יידיש: ש. זאַראַמב

ש. שלום

*　　*
*

דויב אויף די פאָן —
פיר אָן!
דער יעניקער וואָס איז אין שרעק —
זאָל ביין זיין וועג!
און דער וואָס איז פון ספקות דורכגענומען —
נישט ווערן זאָל אַריינגענומען
אין קאָן!
ווייניקער אַ פּריינט,
אַ צילפּונקט ווייניקער איז היינט!
איז גוט — — —

דאָ וועט אַ גרויסער טאָג פון איבערשמעלצן קומען
פון קאַמף און בלוט,
און זיגן.
און דאָס פאַרוואָס מיר האָבן געציטערט,
וועלן מיר קריגן.
און ווער איז יענער אויסגעלייזט צו ווערן?
דער יעניקער, וואָס האָט אַן אָנלען און אַ וואַנט,
דער יעניקער, וואָס שפּאַנט
אין וועג אין שווערן —
און שטעלט קיין פראַגן נישט.
און פרעגט נישט.

יידיש: י. י. שוואַרץ

יעקב פיכמאַן

געדענקען לאָמיר...

געדענקען לאָמיר אָן די עלנטע, די ווייטע,
וואָס שטייען אויפֿן ברעג פֿון לאַנד די נעכט ווי טעג,
אָן שוץ, אויף אויג מיט דער געפֿאַר פֿון אַלע זייטן —
דעם פּונקט דעם עלנטן, פֿאַרוואָרפֿן אין אַ העק.

און דעם, וואָס צופֿעליק איז אונטערוועגס פֿאַרוואָגלט
און ווייט איז ער און ווייט פֿון אים איז ברודערס היים,
די האַסנדיקע האַנט פֿאַרוואַרפֿט אים און פֿאַרהאָגלט
מיט שטיין און קויל פֿון הינטער פֿעלז און וואַנט געהיים — — —

און דעם, וואָס גייט צו אַרבעט און האָט נאָר איינס אין זינען:
אַ שאָד די תּבֿואה, ס'איז דאָך שיין אַזוי און גרויס,
און פֿעדערט זיך מיט קאָסע אויפֿן פֿעלד באַגינען;
און דעם וואָס פֿירט די מעקנדיקע קו פֿון שטאַל אַרויס.

געדענקען לאָמיר יעדן יונגן שפּראָץ, דעם צאַרטן,
די מי, פֿאַרלאָזן פֿאַר דער רייסנדיקער האַנט;
דעם ווייץ דעם גאָלדענעם, וואָס האַלט נאָך אין איין וואַרטן,
דעם גערשטן, וואָס ווערט רייף פֿאַר פֿייער און פֿאַר בראַנד — — —

געדענקען יעדן צריף דעם מדבר פּונקט אַנטקעגן,
דאָס ווייסע ביידעלע, וואָס שאָקלט זיך אין ווינט;
דעם איינזאַמען שאָפֿער, פֿאַרשפּעטיקט זיך אויף וועגן,
און ס'יאָגט אים נאָך אַ מערדערלעכע קויל געשווינט — — —

געדענקען לאָמיר גוט דאָס בלוט דאָס יונגע, ריינע,
דאָס שענסטע אונזערס, וואָס איז געפאַלן פאַר דער זאַך —
פאַרהייליקט זאָל די האַנט זיין וואָס באַשיצט פון שונא
דעם שוואַכסטן צריף, די קלענסטע וואַך!

יידיש : משה באַסאַק